וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוססר
קאבינעט צו דערלערנען די יידישע שפראך, ליטעראטור און פאָלקלאָר
לינגוויסטישער אָפּטייל

ע. ספּיוואק
מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוססר

# די שפּראך אין די טעג פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע

SURPLUS - 4
LIBRARY OF CONGRESS

National [Yiddish] Book Exchange
10 Main Street
Florence, Massachusetts 01060

פארלאג פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוססר
1946
קיִעוו

АКАДЕМІЯ НАУК УРСР
КАБІНЕТ ДЛЯ ВИВЧЕННЯ ЄВРЕЙСЬКОЇ МОВИ, ЛІТЕРАТУРИ
ТА ФОЛЬКЛОРУ
Лінгвістичний відділ

І. СПІВАК
член-кореспондент АН УРСР

# МОВА У ДНІ ВІТЧИЗНЯНОЇ ВІЙНИ

(НАРИСИ)

ВИДАВНИЦТВО АКАДЕМІЇ НАУК УКРАЇНСЬКОЇ РСР
КИЇВ 1946

# פונעמ אווטאָר

די בלוטיקסטע אונ העראָישסטע עפּאָפּײ פונ דער פאָטערלענדישער מילכאָמע וועט מענ אפ לאנג האָבנ צו דערלערנענ. מע וועט אויכ ווי געהעריק דארפנ דערלערנענ דעמ שפּראַכלעכ־ליטעראַרישנ פּאַרמאָג, וואָס איז מילכאָמע־צײַט ארופ אויבנופ אינ דער שפּראַכ אונ וואָס איז פריש אָנגעקוואָלנ פונ אירע טיפענישנ.

די געגעבענע עטיודנ זײַנענ דערווײַל אנ ערשטער פּרווו צו סיסטעמאטיזירנ אונ אויסצוקלאָרנ בלויז א ג ע וו י ס נ קרײַז כאַראַקטעריסטישע שפּראַכדערשײַנונגענ, וואָס האָבנ באַקומענ אנ אָנגאַנג אינ די טעג פונ מילכאָמע.

ס'ווערט דאָ באַרירט א רײ פראגנ פונ לעקסיק, פונ וואָרטבילדונג, פונ פראזעאָלאָגיע, פונ סטיל. דער מאַטעריאַל איז גרופּירט ארומ אײניקע אַ ל ג ע מ ײ נ ע גרונט־טעמעס („היימוואָרט", „שלאַכטוואָרט", „באַטאַליזמענ" אאַוו.), וואָס כאַפּנ ארומ פאַרשײדענע ק אָ נ ק ר ע ט ע שפּראַכלעכ־סטיליסטישע דערשײַנונגענ.

קיִעוו, 1945 י.

ע. ספּיוואַק.

6
Copy___

פּאַראַנטוו. רעדאַקטאָר—מ. שאַפּירא

Відпов. редактор—М. А. Шапіро

# אינהאלט


פונעמ אוטאָר . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 4
וואָרט אונ שווערד . . . . . . . . . . . . . . . . . 7
היימוואָרט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 9

I. היימ־באגריפ אונ היימוואָרט . . . . . . . . . . . . 9
II. היימ־סינאָנימיע . . . . . . . . . . . . . . . 11
III. איינהייטלעכע מישפּאָכע . . . . . . . . . . . . 14

שלאכטוואָרט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 17

I. ליבע אונ האס . . . . . . . . . . . . . . . . . 17
II. נעקאָמע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 19
III. העלדנוואָרט. 1. העלדנ־סינאָנימיע. 2. הערויִזאציע דורכנ עלטערנ וואָרט אונ אויסדרוק . . . . . . . . . . . . . 20

באטאליזמענ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 28

I. שעפע פונ באטאלישנ לעקסיקאָנ . . . . . . . . . . 28
II. באטאליש ספּעציאַליזירטער באטייט . . . . . . . . . 29
III. פיגורעלע באטאליזמענ . . . . . . . . . . . . . 30
IV. באטאלישע וואָרטבילדונג. 1. קריגער. 2. באוואָפענונג. 3. שלאכט־אקציע. 4. וועגנ איינהייטלעכקייט פונעמ באטאלישנ וואָרט . . . . . . . . . . . . . . . . . 35

דאמסויגע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 42

I. בלוטיקער וואָרטשווינדל. 1. אריער־עטימאָלאָגיעס, מישטיינס־געזאָגט. 2. ראסיסטישער מיינעלאָשנ. 3. גוואלד, „יודנטומ!” 42
II. דאָס הארצ פונ אלטנ וואָלפ . . . . . . . . . . . 49

דאָס וואָרט פונ ווי אונ מוט . . . . . . . . . . . . 54


---

# וואָרט און שווערד

לעהייפעכ צום אלטנ באקאנטנ ווערטל, האָבנ אונדזערע מוזעס ניט געקענט בלייַבנ שטיל, ווענ דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט אפ לעבנ און טויט געהאלטנ מילכאָמע מיט זייַנ ביטערסטנ דאמסוינע. און אינ פאָרויסמארש, אפ דער פאָדערשטער פייַער־ליניע האָט אינ די טעג פונ מילכאָמע ניט געקאָנט ניט פארנעמענ איר אָרט אויכ די מוזע פונ וואָרט, וואָס איז מיט פולווער געלאָדנ. די פאָטערלענדישע מילכאָמע האָט אומגעהייער פארברייטערט דעמ באגריפ ווענג דער פענ, וואָס זאָל צום באגנעט זייַנ געגליכנ, ווי מאיאקאָווסקי האָט עס געהאט עפאָדערט. די פענ, דער באגנעט,— אינ יענע טעג איז עס געוואָרנ א שטיק פולבלוטיק לעבעדיק לעבנ.

...און אז פאָשעטע און פראָסטע לייַט,
וואָס גייענ דורכ די וועלדער קעגנ דייַטש,
ארבעטער פונ וויַיטסטע שטעט,
פויערימ פונ פאָלק, אינ וועלכנ כ'דינ,
פרעגנ מיכ, פונוואנענ און ווער און וואָס איכ בינ,—
גיבנ זיי מיט אויגנ מיכ א גלעט,
ווי פאָשעטע און פראָסטע מענטשנ קענענ:
א פאָעט?..[1])

ס'איז געווענ ניט בלויז דיכטונג, ס'איז געווענ עמעסע פראָנט־וואָרהייַט, וואָס געווירנ האָט זי די ליכטיקע געלייַטערטע דיכטונג. אָט ווי וואָרהאפטיק אינ וואָרט און אינ טאט ס'איז געווענ דער העלדיש אינ שלאכט אומגעקומע־נער מ. כאשטשעוואצקי:

איז וויל איכ, אז זייַנ זאָל מייַנ ליד,
ווי פולווער און ווי דינאמיט,
אזוי ווי א קויל יעדער אָס,
און יעטווידעס וואָרט ווי א שאָס,
ווייַל אנדערש האָט גאָר ניט קיינ ווערט
מייַנ לעבנ, מייַנ זייַנ אפ דער ערד[2]).

1) ע. פינינבערג. פונ סאמע פייער („מיטנ פאָלק״).

2) מ. כאשטשעוואצקי. מייַנ ליד.

מ. אי. קאלינינ האָט געהאט געשריבנ וועגנ אי. ערענבורגנ:

„...ערענבורג פירט א האנט־געפעכט מיט די דײַטשנ, ער שלאָגט אפ רעכטס אונ אפ לינקס. ס'איז א הייסע אטאקע, אונ ער שלאָגט די דײַטשנ מיט וואָס נאָר עס קומט אימ אינ געגעבענעמ מאָמענט אינ האנט ארײַנ: ער שיסט פונ ביקס; זיך אויסגעלאָזט די פאטראָנעס—זעצט ער מיט דער קאָלבע, האקט איבערנ קאָפ, ווו נאָר עס לאָזט זיך...״[1]).

אויך פראָנט־לײַט האָבנ געגליכנ ערענבורגנ צו שרעקלאָזע מינירער, צו בראווע קאוואלעריסטנ, צו געוואגטע טאנקיסטנ, צו פליִער־העלדנ [2]).

ערענבורגס האנט־געפעכט האָבנ מיר געשפירט אויך אפ די שפאלטנ פונ דער יִדישער פרעסע, ווו שארפער ווי ווענ־עס־איז האָבנ מיר געפילט דאָס מילכאָמע־וואָרט פונ אונדזערע בעסטע אונ שענסטע יִדישע וואָרט־מײַסטער אונ וואָרט־פירער.

„פענ אונ ביקס״, „פענ אונ באגנעט״, „געצילטע ווערטער מײַנע—פײַל פונ בויגנ״[3]), „מײַנ פײַער־וואָרט״[4]), „מײַנ שווערדנ־וואָרט״[5])—דאָס זײַנענ געוואָרנ רעאלע וואָרט־צייכנס אויך אינ יִדיש, ווו מילכאָמע־צײַט איז געוואָרנ א שעמדאָוואָר—דיכטער־שלאכטמאנ, שרײַבער־קריגער, רויטארמייער פונ וואָרטלעכנ קליזײַענ.

אפנ פראָנט אונ אויך אינ הינטערלאנד, וואָס איז צומ פראָנט געווענ גע־גליכנ, האָט געבלאנקט, ווי די שארפ פונ שווערד, אויך דאָס געשליפענע יִדי־שע וואָרט, וואָס איז ארויס פונ די טיפענישנ פונעמ שרײַבערס אופגעציטערטנ אונ אָפערוויליקנ הארצנ.

* * *

צוערשט אינ יִדיש, ווי אינ נאָך אנדערע שפראַכנ, איז ארײַנ מיט אזא פאר־נעמ דאָס וואָרט וועגנ פאָטערלענדישער מילכאָמע, געבונדנ מיטנ פילארטיקנ היימוואָרט. א פלייצ געטאָנ האָט דאָ דאָס ספּעציִעלע באטאלישע וואָרט. מיט נײַער קראפט האָט אויך אינ יִדיש אופגעהעיט דאָס שטארקע בירגערלעכע וואָרט פונ ליבע אונ האס, פונ צאר אונ צאָרנ, פונ וויי אונ מוט, פונ שטאָלצ אונ גווורע. וועלנ מיר אפ די נאָך פרישע שפורנ פארצייכענענ דאָס דאָזיקע מילכאָמע־וואָרט, וואָס איז „אי פראָסט, אי גאָר ניט אזוי פראָסט״[6]), דאָס וואָרט, וואָס ס'איז אזוי „פולבלוטיק: ס'האָט בלוט אסאך געקאָסט״[6]).

1) М. И. Калинин. О некоторых вопросах агитации и пропаганды. Журн. „Большевик*, 17-18, 1942 г.

2) פונ בריוו פונעמ פראָנט צו ערענבורגנ.

3) ד. האָפשטיינ. היימ אונ וועלט.

4) ע. פינינבערג. אסאך, אסאך.

5) ע. פינינבערג. געדענק.

6) ע. פינינבערג. מײַנ מאכנע רופט.

# הײמוואָרט

## I. הײם־באַגריפ און הײמוואָרט

ס׳זײַנען פאראַן געוויינלעכע לאַנגאָניקע באַגריפן, וואָס האָבן ביז אַ צײַט נאָך ניט געהאַט אין דער שפּראַך זייער גענויע און אָנגענומענע וואָרטפאָרם. דאָס אַנטשפּרעכיקע וואָרט צום באַגריפ איז אָדער ס׳איז נאָך קלאָל ניט געווען אין דער געגעבענער שפּראַך, אָדער געווען איז עס דערהויפּט מיט אַ געוויסער שאַטירונג פון באַטײַט, ניט מיט דעם דאָמינירנדיקן, מיט דעם גרונטיקערן טאָך פונעם באַגריף.

הײמלאַנד, אַשטייגער, איז אין ייִדיש ביקלאָל אַ נײַבילדונג, אַ נײַ־אויפגעקומענע וואָרט אין דער ראַטנ־צײַט[1]). פריִער פלעגט ווען־ניט־איז גילטן דאָס וואָרט הײמאַט, וואָס איז געווען ווייניק אייגנטימלעך פאַר ייִדיש און וואָס איז אַזוי ווי אַרויס פון געברויך.

קינדווײַז האָבן מיר פונעם כומעש געוווּסט פון עפּעס אַ „געבורטסלאַנד”[2]), וואָס געווען איז עס „העט־ווײַט אין אַן אַנדער אוילעם... ערגעץ אין די ווײַטע מעקוימעס דאָרט...”[3])

און אַז מיר האָבן געהאַט דערפילט דעם טאַם פון אַ נאָענט און הײמיש געבורטסלאַנד, איז געווען איז עס אָפטער געבונדן מיטן געוויסן „לעכלעכאָ”, וואָס מע האָט עס מיט אונדז אַזוי האַרב און אַזוי ברוטאַל אײַנגעקנעלט. „לעכלעכאָ” איז שיר ניט געוואָרן דער קענצייכן פון אונדזער אַלט־נײַער געשיכטע, אַ מין אייביקע טראַדיציע פון אונדזער וואָגל־לעבן ביז — ביז אויך ייִדיש האָט אָפּדערעמעסן גענומען אויסדריקן אַזאַ, דוכט זיך, געוויינלעכן און אַזאַ אייננפאַכן באַגריף, ווי — הײמלאַנד.

ניט קיין סאַך בעסער האָט עס אין דער פאַררעוואָליוציאָנערער צײַט געהאַלטן מיטן הײם־באַגריפ אין דער שפּראַך פון אַנדערע פעלקער. אַשטייגער,

---

1) דאָס דאָזיקע וואָרט איז, מעגלעך, אויסגעבילדעט לויט י. מ. ליפּשיצעס טײַטש פאַרן וואָרט Отечество — הײמיש לאַנד. זע זײַן „רוסיש־יודישער ווערטערבוך”, צווייטע אויפלאַגע, 1874.

2) געבורטסלאַנד טרעפט מען צומאָל בײַ שאָלעם־אַלייכעמען.

3) מענדעלע מויכער־ספאָרים. שלוימע רעב כאַיִמס.

דאָס איצט גאנגבארע אינ אוקראַיִניש Вітчизна איז קלאָר ניט צו טרעפנ אינ
גרינטשענקאָס באַקאַנטנ ווערטערבוכ. אונ אויכ דאָס גוט באַקאַנטע אינעמ הײַנטיקנ
אוקראַיִניש Батьківщина קומט דאָ מיטנ באַטײַט—פּאָטערישע נאַכלע, יערו־
שע[1]). דעמ זעלבנ טײַטש האָט געהאַט אויכ דאָס ווײַסרוסישע Бацковщина[2])·
אנ ענלעכע שאַטירונג פונ באַטײַט האָט אויכ, אַגעוו, דאָס דאָזיקע וואָרט
אינעמ פאררעוואָליוציאָנערנ פאָלקס־ייִדיש, ווי ס'קומט פאָר, אשטייגער, בא
טעוויענ, אונ טאקע אינ „לעכלעכאָ":

„...איכ זאָל מיכ ניט שעמענ פאר מײַנ טאָכטער, וואָלט איכ זיכ
גוט, גוט אויסגעוויינט, ווי זאָגט איר, פּאָרט באַטקיוושטשינע! דאָ אויס־ג
געוואקסנ, דאָ פארשווארצט געוואָרנ קאָל יאָמאָוו, אונ פּלוצעמ אינמיטנ
דערינענ — לעכלעכאָ!"

הײמלאנד איז א נײַבילדונג אינעמ הײַנטיקנ ייִדיש. געווענ איז
פריִער אינ ייִדיש—פּאָטערלאנד. געווענ איז עס אָבער פונ די זעלטנסטע ווערטער[3]).
אונ געברויכט האָט מענ „פּאָטערלאנד" מערער מיט אלגעמײנערנ, מיט ארי־
בערגעטראָגענעמ באַטײַט, ווי מיר טרעפנ עס, אשטייגער, בא פּערעצנ: „אלע
מענטשנ זײַנענ ברידער, אונ אײנ פּאָטערלאנד די וועלט"[4]).

דעמ בירגערלעכ־מעלוכישנ טאָכ האָט פאר אונדז פּאָטערלאנד
באקומענ ערשט אינ דער סאָוועטישער צײַט. אינ דעמ זינענ איז פּאָטער־
לאנד א געוויסער נײַבאַטײַט, ס'הײסט א פאראנענ וואָרט האָט דאָ בא־
קומענ א נײַע שאַטירונג, א נײַע שאַצונג פונ באַטײַט.

די ווערטער הײמלאנד, פּאָטערלאנד האָבנ זיכ באזונדערס צע־
שטראַלט אינ די טעג פונ דער „מילכאָמע פארנ סאָציאַליסטישנ פּאָטערלאנד,
פארנ סאָציאַליזמ, אלס פּאָטערלאנד"[5]).

דער געוויינלעכער אונ שוינ לאנגאָניקער, דוכט זיכ, הײמ־באַגריפ איז ווי
פארברייטערט אונ פארטיפערט געוואָרנ. אונ דאָס הײמוואָרט האָט זיכ גע־
לאָזט הערנ באזונדערס אָפּט אונ מיט א באזונדער מינ ווירדע אונ שטאָלצ.

---

1) Словарь украинскаго языка, собранный редакціей журнала „Кіевская Старина", редактировалъ съ добавленіемъ собственныхъ матеріаловъ Б. Д. Гринченко, т. I (Кіевъ, 1907 г.).

2) Словарь бѣлорусскаго нарѣчія, составленный И. И. Носовичемъ. С.-Петербургъ, 1870 г.

3) כאראקטעריסטיש, אז אינ ליפשיצעס ייִדיש־רוסישנ ווערטערבוכ (1876) איז פּאָטער־
לאנד קלאָר ניט פיקסירט, אלס טײַטש גילט עס בלויז אינ זײַנ רוסיש־ייִדישנ ווערטערבוכ.

4) י. ל. פּערעצ. ברידער.

5) В. И. Ленин. Главная задача наших дней.
(געשריבנ דעמ 11־טנ מארט 1918 י.).

## II. היים־סינאָנימיע

סינאָנימיע ברענגט מיט, ווי באַוווּסט, ווערטער מיט פאַרשיידענע שאַטירונגען פון באַטײַט לויטן איינהײַטלעכן גרונט־באַטײַט פון אָט די ווערטער: זײַט—צאַד, שעטעך—פלאַץ, שטימע—געמבע, ליפן—לעפצן... אַזאַ סינאָנימיע וואָלט געקענט הייסן דיפערענצירוקע סינאָנימיע. דאָ איז אָפט ניט מעגלעך צו פאַרבײַטן איינס סינאָנים מיטן צווייטן. סינאָנימיע ברענגט אויך מיט אין פלוג גלײַכבאַטײַטיקע ווערטער, וואָס כאָטש די שאַטירונגען פון זייער באַטײַט זײַנען ניט גאָר אָנזיכטיק, שאַפן זיי דאָך געוויסע וואַריאַציעס פון דעם איינהײַטלעכן גרונט־באַגריף. דעם דאָזיקן טיפ סינאָנימיע וואָלט מען געקענט רופן וואַריִרוקע סינאָנימיע.

היימלאַנד, פאָטערלאַנד, היים—דאָס זײַנען וואַריִרוקע סינאָנימען. ניט זעלטן טרעפט מען זיי בײַקלאַל באַנאַנד:

> פליכט פארן היימלאַנד, פליכט פארן פאָטערלאַנד, פאַרטיידיקן דאָס היימלאַנד, פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד...

מע פאָרט אויך אַזוינע וואַריִרוקע ווערטער אַפּ צו אַקצענטירן דעם באַגריף און אַפּ צו לאָזן פון אים אַ שאַרפערן, אַ טיפערן שפּור:

> אינעם גרויסן פאָטערלאַנד פון פעלקער... האָבן די יִדן נאָך זייער טויזנטיאָריקער היימלאָזיקײַט געפונען אַ היים און אַ היימלאַנד...[1]

די וואַרייִריקע סינאָנימיע, ספּעציעל די היים־סינאָנימיע, טראָגט דאָך אין זיך אויך אַ געוויסע שאַטירונג, מעג עס אין פלוג ניט זײַן אַזוי קאָנטיק אין דער שפּראַך.

היימלאַנד איז מילכאָמע־צײַט געוועזן זייער אַן אָפט וואָרט אין יִדיש (אָט ווי—Родина—אין רוסיש). פונעם באַטײַט היימלאַנד הויכט מיט וואַרעמער נאָענטקײַט, מיט אינטימקײַט. דאָס דאָזיקע וואָרט איז צו טרעפן אינעם גאַנגבאַרן ריידאַרט: אין נאָמען פון היימלאַנד, לעשעם אונדזער היימלאַנד, באַנומענ וואָס הייסט היימלאַנד, דערפילט דעם טאַם פון היימלאַנד, דערפילט דעם רייעך פון היימלאַנד...[2].

דעם הויך פון אינטימקײַט אינעם באַטײַט פונעם וואָרט היימלאַנד שאַפט דער טייל זײַנער—היים. היים קומט אויך אָפט באַזונדער און מיט געוויסער אַריבערגעטראָגן־עמאָציאָנעלער, מיט סימוואָלישער שאַטירונג פון

---

1) פון פ. מאַרקישעס רעדע אויפן ערשטן אַנטיפאַשיסטישן מיטינג פון די פאָרשטייער פונעם יִדישן פאָלק. זע „ברידער יִדן פון דער גאַנצער וועלט!" 1941 י.

2) זע, אַשטייגער, אַזאַ אָנווענדן דאָס וואָרט היימלאַנד אין אי. פעפערס אַרטיקל „יִדן און היימלאַנד". „אייניקייט", 16־17, 1942 י.

באטײַט אפ צו באצײכענען דאָס אָרט, דאָס לאַנד, װוּ אױך אונדזער געפלאָגט פאָלק האָט א הײם געפונען:

פון זינט מיר געדענקען זיך — טױזנטער יאָר
א פאָלק האָט געכאָלעמט, געטרוימט אפ דער װאָר,
אין דוירעס אין אַלע געבענקט האָט געהײם,
געטרוימט אונ באקומען א גליקלעכע הײם...[1])

שארפער איז אָט די שאטירונג פון הײם צו שפירן אין א פאָלקיש־לירישן מאָטיװ:

טיפע גריבער, רױטע לײם —
כ׳האָב אמאָל געהאט א הײם...
...ס׳האָט מײַן הײם א בראָך געטראָפן...
...פולע זײַנען יענע גריבער,
אונ נאָך רױטער איז די לײם —
יענע לײם איז איצט מײַן הײם...[2])

די הײם האָט אין אָט די אײנפאכע ליריש־אינטימע שורעס באקומען א באזונדערס טיפן אױסדרוק פאר איר „בראָך", אָבער נאָך שארפער איז געװאָרן דאָס בירגערלעך־טרײַע געפיל צו „מײַן הײם" מיט איר „נאָך רױטער" געװאָרענער לײם.

מילכאָמע־צײַט קומען אױך פאָר נײַע אױסבילדונגען מיט הײם — געװײנלעכע אונ פאָעטישע:

פעלקער־הײם, אוקרײַנע־הײם, הײם־שטאָט, הײם־שטעטל...
אָנהײב־הײם:
...באפרײַט מײַן שטאָט, מײַן אָנהײב־הײם,
אמאָל א שטעטעלע א קלײנס...[3])

הײם־טײַך:

...דער הײם־טײַך כװאַליעט הױך אין זײער ברוסט,
זײ זײַנען שיקער פון נעקאָמע־לוסט...[4]).

באנאנד מיט די באצײכענונגען הײמלאנד, הײם (זעלטן־װען אױך הײמאט) קומט אָפט מילכאָמע־צײַט אױך — פאָטערלאנד (אנטשפרעכיק צום רוסישן — Отечество).

---

1) ש. האלקין. מיט בלוט פאר בלוט, מיט טױט פאר טױט.
2) ש. האלקין. טיפע גריבער, רױטע לײם.
3) ד. האָפשטײן. מײַן אָנהײב־הײם.
4) כ. גראַדע. לײג צו דײַן אױער צו דער ערד.

„פאָטערלאנד״ האָט אויכ געוויינלעכ דעמ אלגעמיינ־בירגערלעכנ באַטײַט וואָס שיידט עס אינ טאָכ ניט אונטער פונ די אנדערע היימ־ווערטער. דאָס וואָרט „פאָטערלאנד״ (אונ ספּעציעל „פאָטערלענדישער״) פארמאָגט אָבער אויכ צומאָל א געוויסע באַטײַטלעכע שאטירונג באַמ קעגנשטעלנ די אייגע־נע, די פאָטערלעכע היימ צו דער פרעמדער ניטהיימ.

אינ דעמ זינענ טרעפט מענ אָפט באַ לענינענ אונ באַ סטאלינענ גראָד דאָס וואָרט „פאָטערלאנד״ פארנ היימ־באַגריפ — „דאָס סאָציאליסטישע פאָטער־לאנד״ („Социалистическое отечество“), „פארטיידיקונג פונעמ סאָצי־אליסטישנ פאָטערלאנד״ („Оборона социалистического отечества“). באַשײַמפערלעכער פילט זיכ אזא שאטירונג אינעמ וואָרט „פאָטערלענדישער״ אינ אזוינע באַהעפטנ, אשטייגער, ווי „פאָטערלענדישע אוויאציע״ („Отечественная авиация“) אונ ספּעציעל אינ אזא באַהעפט, ווי „פאָטער־לענדישע מילכאָמע״, וואָס אינ רוסיש שטאמט עס נאָכ פונ דער מילכאָמע פונעמ 1812 יאָר. אפ אנ אייגנארטיקנ אויפנ האָט אָט די שאטירונג פונעמ היימ־באַגריפ אינעמ וואָרט „פאָטערלאנד״ אויסגעדריקט דער שלאכטמאנ פריטקאָוו (פאר דער מילכאָמע א שטאָלגיסער). געהאט געבראכט האָט עס איליא ערענבורג:

„...פריטקאָוו קענ ניט אָנקוקנ די דײַטשנ, ס'איבלט אימ פונ זיי... זאָגט ער דעמ פאָדפאָלקאָווניק סאמאנענקאָ: „כאווער נאטשאלניק, גיט מיר א פאָטערלענדישנ אווטאָמאט, דײַטשישע האָב איכ געהאט זעכצנ שטיק, — צעגעבנ. ס'איבלט צו שיסנ פונ זיי...״ ער זאָגט: „כ'זע, דרײַצנ פריצנ ציילנ די שטערנדלעכ, זיצנ זיכ אינ די גריבער אונ רויכערנ. האָב איכ זיי דערלאנגט פונ א פאָטערלענדישנ אווטאָמאט...״ דאָס וואָרט „פאָטערלענדישער״ (Отечественный) האָט באַ אימ עפּעס א באַזונדער באַטײַט, ער רעדט ניט פונ ווערטערבוכ, נאָר פונ הארצנ ארויס, אונ אינ זײַנע רייד לאָזט זיכ פילנ אנ אויסטערלישע פאָ־טערלענדישע סינע...״ [1]

זאָגנ דארפ מענ, אז באַ פריטקאָוונ איז עס געגאנגענ אי פונ הארצנ ארויס, אי גלײַכ ווי פונעמ ווערטערבוכ, פונעמ ווערטערבוכ אינ דעמ זינענ, וואָס מיטנ וואָרט „פאָטערלענדישער״ האָט ער קאָנטיקער שאטירט א פאָרשטעלונג וועגנ א בלוט־אייגענער זאכ לעגאבע א פרעמדער אונ פײַנטלעכער זאכ.

די אויבנגעבראכטע היימווערטער זײַנענ אלגעמיינע באַצייכענונגענ. די דאָזיקע אלגעמיינע באַצייכענונגענ אנטפּלעקנ זיכ אָבער אלעמאָל אינ מער קאָנקרעטע אונ אינ נאָמענטלעכע באַצייכענונגענ: פארבאנד, סאָווע־טישער פארבאנד, ראטנלאנד, סאָוועטנלאנד, פארבאנד סאָציאליסטישע סאָ־וועטישע רעפּובליקנ, פססר. מילכאָמע־צײַט איז אויכ אינ יידיש ניט זעלטנ

---

1) И. Эренбург. Ожесточение. „Красная звезда“, 8/X 1942 г.

צו טרעפן — ר א ס י י, ר ו ס (Россия, Русь) אין איין ריי מיט די היימווערטער פון דער ס אָ וו ע ט י ש ע ר צײַט.

...איך בין די געגנטן פון פאָטערלאַנד אדורכגעגאַנג צופוס.
איך בין געגאַנגען מיט די קינדער פון דער ווילער מאַמע — Русь...
...א זון וועט אופגיין נאָך גרעסער פון דײַן ווײַ,
מײַן טײַער פאָטערלאַנד, סאָוועטישע ראסיי! [1].

אויך ר א ס י י ע ר האָט זיך באוויזן אין דער יידישער דיכטונג מילכאָמע־צײַט:

...פון שטעט פון ראסייער — די מאמע,
די שטאָט פון אוקראַיִנישער ערד... [2]

געאָטעמט האָבן טויזנטער ראסייער זין... [3]

ר א ס י י, ר א ס י י ע ר, ר ו ס — דאָס זײַנען געשיכטלעך־סימוואָלישע באצייכענונגען. באהיינט מיט א געוויסער אלטערטימלעכער דערהויבנקײַט, זײַנען זיי געקומען צו פארבינדן מיט א גאָלדענעם פאָדעם די גרויסע פארגאַנגענהײַט מיט דער גרויסער קעגנוואַרט פון אונדזער לאַנד, צו פארקערפערן די פאראנענע געמיינזאמקײַט פונעם גאַנצן היסטאָרישן גורל פון אונדזער לאַנד, ווי ניט ווײַט אין צײַט ס׳איז אָט דער גורל אמאָל און הײַנט.

## III. איינהײַטלעכע מישפּאָכע

צווישן די שפּראַכלעכע אויסדרוק־מיטלען, וואָס באגלייטן דאָס היימוואָרט, לאָזט זיך באזונדערס שארף פילן די מאסן־שטייגערישע אסאָציאַציע מיט לײַבלעכער קרויווּעשאפט, מיט אייגן בלוט. אזוי איז עס אין אלע שפּראַכן פון ראטנפארבאַנד. אזוי איז עס אויך אין יידיש. אין יידיש איז עס א נײַע דערשײַנונג אין דער סאָוועטישער צײַט, ספּעציעל אין דער מילכאָמע־צײַט.

צום אלעמערשטן גייט דאָס איינפאכע און דאָס הערלכע מ א מ ע ־ וו אָ ר ט:

„אונדזער לײַבלעכע מאמע, אונדזער היימלאַנד... אונדזער געטרײַע מאמע, דער ראטנפארבאַנד... אין לאַנד פון סאָוועטן האָבן מיר, צוגלײַך מיט אלע פרייער אונטערדריקטע פעלקער, באקומען אן עמעסע

---

1) ע. פינינבערג. מיין באריכט.
2) אי. פעפער. באלאדע וועגן צוויי פאָנען.
3) ע. פינינבערג. אומאניער ריכטונג.

מוטער־היימלאנד... [1]) מיר זײַנען אלע קינדער פון איין מוטער — פון אונדזער גרויסן סאָוועטנלאנד... איך בין א פּאָרשטייער פון יענעם טייל פונעם יידישן פאָלק, וואָס קען, ווי אין ערגעץ ניט אפ דער וועלט, אזוי פרײַ און איבערצײַגנדיק ארויסברענגען דאָס וווּנדערשאפנדיקע וואָרט דאָס לײַבלעך־נאָענטע און טײַערע, דאָס וואָרט, וואָס שטייט אין איין ריימיט די ווערטער „טאטע־מאמע״—דאָס וואָרט היימלאנד... [2]).

דאָס זעלבע מאמע־וואָרט גילט אויך באם אָנרופן אונדזער היימלאנד קאַנקרעטער באם נאָמען:

...איך בין געגאנגען מיט די קינדער פון דער ווילער מאמע—Русь... [3])

עס אָטעמט רויִק ס'הארץ פון מאָסקווע־מוטער,
און ליבשאפט אירע שטארקער איז פון טויט! [4])

„מוטער״, „מאמע״ קומען אָפט מיט דער כאראקטעריסטיק—לײַבלעכע, בלוט־אייגענע. צווישן אָט די אינטימע סינאָנימען (מאמע, מוטער) איז פאראן א געוויסע סטיליסטישע שאטירונג (מאמע איז ריידארטיק־אינטימער). אָנגעווענדעט צום היימלאנד קלינגעןביידע ווערטער אלציינס טרײַ און הערלעך. מילכאָמע־צײַט האָבן מיר מיט טיפסטן ציטער געשפּירט, ווי ס'שלאָגט „ס'הארץ פון מאָסקווע־מוטער״, מיט אונדזער גאנצן וועזן געפילט די „ליבשאפט אירע״ צו אונדז, אונדזערע — צו איר.

ווי א וווּנדער־געזאנג, טראָגן זיך אויך איבערן גאָרן סאָוועטישן לאנד די באצייכענונגען—זון (זין) פון פאָלק, טאָכטער (טעכטער) פון פאָלק. אָפטער און הילכיקער האָבן געקלונגען אָט די באצייכענונגען איבערן לאנד מילכאָמע־צײַט אפ אלע שפראכן און אויך אפ יידיש, ווו ס'איז טאָג־איין, טאָג־אויס געווען צו דערציילן אויך וועגן די העלדנטאטן פון אונדזערע „זין און טעכטער״ [5]).

מילכאָמע־צײַט האָבן זיך געמערט די באצייכענונגען—„ברודער״ („ברידער״), „שוועסטער״:

---

1) פון די ארויסטרעטונגען פון די פּאָרשטייער פונעם יידישן פאָלק אפן ערשטן מיטינג. ברידער יידן פון דער גאנצער וועלט! 1941 י.

2) פון די ארויסטרעטונגען פון די פּאָרשטייער פונעם יידישן פאָלק אפן צווייטן מיטינג. 2־טער אנטיפאשיסטישער מיטינג פון די פּאָרשטייער פונעם יידישן פאָלק. 1942. דאָס לעצטע איז דאָ פון ש. מיכאָעלסעס ארויסטרעטונג.

3) פון ע. פיניננבערגס שוין אויבן ציטירטן „מיין באריכט״.

4) מ. טייפ. שטארקער פון טויט.

5) אונטערן קעפּל „אונדזערע זין און טעכטער״ איז געגאנגען די גאלעריי פּאָרטרעטן פון יידן־העלדן אפן פראָנט און אין הינטערלאנד אין דער צייטונג „איניקייט״.

עלטערער ברודער (וועגן רוסישן פאָלק), ברידערלעכ פאָלק, פאַר־ברידערטע פעלקער, פעלקער־ברידער, ברידערלעכע פעלקער־מישפּאָכע, שוועסטער־אוקראַינע... ברידער יידן, ברידער יידן פון גאָר דער וועלט, טײַערע ברידער און שוועסטער פון דער גאנצער וועלט...[1]

די אָקאָרשט־געבראכטע פאמיליען־ווערטער האָבן, פארשטייט זיך, א פאַר־שיידענעם באטײַט. זיי האָבן דאָך איין געדאנקלעכן, איין פאטריאָטישן גרונט אינעם לעבעדיקן האפט פון וואָרט באַם באצייכענען —

...יענע קראפט
וואָס... אף דער ערד — די רײַכסטע שעפע שאפט
פאר אונדזער גרויסער, פרײַער ברידערשאפט [2].

„גרויסע פרײַע ברידערשאפט" — די דאָזיקע ווערטער פאסן זיך גוט צום סאָוועטיש־פאטריאָטישן היים־באגריף, וואָס האָט מילכאָמע־צײַט געשפּילט מיט אַלע קאָלירן און מיט אַלע כיינען פון היימוואָרט און פון היים־באטײַט.

---

1) פון די אויבנדערמאָנטע ארויסטרעטונגען אפן ערשטן און צווייטן מיטינג פון די פאָר־שטייער פון ייִדישן פאָלק.

2) ש. האלקין. אונדזער גלויבן.

# שלאַכטוואָרט

## I. ליבע און האס

ניט צופעליק האָט זיך, זעט אויס, די דאָזיקע אנטיטעזע, אלס סטיל־פאָרם, באזונדערס פארשטארקט מילכאָמע־צייַט. מיר מיינען דאָ ספּעציעל די אנטיטעזע אינעם שמעלערן שפּראכלעכן, ניט אינעם ברייטערן ליטעראַרישן זינען (באַם ארויסברענגען טיפּאזש, סאָציאַלע קאָליזיע אדג.). די אנטיטעזע איז אַן אויסגעפּרוווט מיטל אַפ אויסצודריקן קאָנטראסטישקייַט פון דערשייַנונגען. קאָנטראסטישקייַט דריקן אויך אויס די אנטאָנימען, אלס וואָרטלעכע קעגנשטעלונגען. אנטאָנימען זייַנען איינפאכסטע אנטיטעזעס דאַן, ווען גופע די אנטיטעזע ברענגט מיט גרעסערע געגלידערטקייַט און פארענדיקטקייַט, אָפּט איינשליסנדיק אין זיך אויך אנטאָנימען אלס עלעמענט פון אזא מער פארגאנצטער קעגנשטעלונג.

מילכאָמע־צייַט איז אָפּט, צווישן אנדערן, צו טרעפן די אנטיטעזע מיט די אנטאָנימען — ליבע־ליבשאפט, סינע־האס־פייַנטשאפט. ליבע, ליבשאפט צום היימלאנד; סינע, האס, פייַנטשאפט צום סוינע פון לאנד. שארפ אנטאָנימיש לויט זייער באטייַט נאָך, האָבן אָט די ווערטער אין האפט פונעם מילכאָמע־וואָרט געהאט עפּעס אזויווי איין געמיינזאמען טאָך. די דאָזיקע ווערטער פלעגן קומען אויך פאראלעל געפּאָרט צווישן זיך:

הייַנט גיי איך באפרייַען דייַן אוקראַינע...
יאָג מיך, מייַן ליבשאפט,
טראָג מיך, מייַן סינע... [1])

ס'איז ניט צו גלייַכן געווען אין יענע טעג די אנטאָנימען „ליבע"־„ליבשאפט" און „האס"־„סינע" מיט אזוינע, אשטייגער, אנטאָנימען, ווי „טרייַהייַט" און „פאראט", וואָס האָבן געקענט קומען בלויז אָפּגעגרענעצט און שארפ קעגנגעשטעלט איינס צום צווייטן:

„פינצטער און שרעקלעך איז דער פאראט. ער מאכט וויסט דאָס הארץ פון מענטשן, ער צווינגט אים צו שטארבן נאָך לאנג פארן

---

[1]) ה. שוועדיק, אָ. שווארצמאן.

טויט... טרײַהײַט איז ניט נאָר זי שטאַרקט דעם מענטשן, טרײַהײַט פרייט... די נעשאָמע פונעם טרײַעם פרייט זיך אין די שווערסטע ליידן..." [1])

אין „ליבשאַפט", אין פאַרגלײַך מיט „ליבע", פילט זיך עטוואָס מערער אינטימקײַט אין אַזאַ אָנווענד, ווי — „לאַנד און ליבשאַפט" [2]), „און ליבשאַפט אירע (פון דער מאָסקווע־מוטער) שטאַרקער איז פון טויט..." [3]).

„ליבע", „ליבשאַפט" זײַנען סינאָנימען פונעם וואָרצלדיקן טיפּ (זע אויבן „היים־סינאָנימיע"). אַזוינע סינאָנימען זײַנען אויך — „סינע", „האַס", „פײַנט־שאַפט"; „פײַנט", „סוינע", „דאַמסוינע" (אין „טוינע", „סינע", באַזונדערס אין „דאַמסוינע", איז דער באַגריף שטאַרקער אַקצענטירט).

„ליבע" און „האַס" אַלס קעגנשטעלונג און צו דער זעלביקער צײַט אַלס געוויסע געדאַנקלעכע אײנהײַט — דאָס האָט זיך באַזונדערס אָנטפּלעקט אינעם ברען פון מילכאָמע. מע נעמט דאַן אַלץ מער צו באַהויפּטן, אַז פײַנט האָבן הייסט הייסער ווי ווען עס איז ליב האָבן, אַז מעסטן די ליבע צום היימלאַנד קען מען מיט דער קראַפט פון דער סינע צום פײַנט. פאַרשיידנאַרטיק ווערט עס אַזוי וואָריִרט און איבערגעכאַזערט אינעם אַרטיקל, אין דער פאַרצייכענונג, אין ליד, אין אויפרוף. און ס'שאַפן זיך היפּש שלאָג־אַנטיטעזעס, אַפאָריסטיש געפאַסטע, ווי אויך ברייטער פאַנאַנדערגעוויקלטע, מיט די אויבנגעבראַכטע אַנטאָנימען אַלס גרונט, ווו זיי דריקן אויס אי קעגנשטעלונג, אי אײנהײַטלעכקײַט פון געדאַנק און פון געפיל.

פאַנאַנד מיט די שלאָג־אַנטיטעזעס האָבן זיך ביקלאַל געמערט די אויסדרוקן וועגן ליבע און סינע:

ליבע און פײַער [4]), ליבשאַפט שטאַרקער פון טויט, פלאַקער פון סינע, פלאַם פון האַס, באַוואָפענען מיט האַס...

מערער נאָך ווי וועגן ליבע ווערט גערעדט וועגן סינע און צאָרן, אַלס אויסשטראַלונג פון ליבע:

מײַן האַס וועט ניט אויסגיין, מײַן צאָרן אין קעלט וועט ניט קילן,
ביז כ'וועל אַפּ מײַן אָרעם דאָס בלוט פונעם פײַנט ניט דערפילן... [5])

געריכט, געליבט, געבענטשט זאָל זײַן אַפּ יאָרן
דער האַס דער מעכטיקער, דער אומדערבאַרעמדיקער צאָרן... [6])

---

1) И. Эренбург. Верность. „Правда", 5/VIII 1943 г.

2) ע. פינינבערגס אַן אויסדרוק, וואָס איז געוואָרן גאַנגבאַר.

3) פון מ. טייפס אויבן ציטירטן ליד „שטאַרקער פון טויט".

4) אַזוי הייסט י. פאַליקמאַנס אַן ערשט ביכל פראָנט־דערציילונגען.

5) אי. פעפער. מײַן שווּע.

6) ע. פינינבערג. מײַן באַריכט.

צעוואקסן האָט זיך די סינע, אָט דער צאָרן אינעם בלוטיקן גאנג פון מילכאָמע. ניט לײַכט איז אונדז אָנגעקומען אָט די געבענטשטע, אָט די ה ע ר א ָ ־ י ש ע סינע. אָט ווי ניט לײַכט ס'האָט אונדז אזוי פארקאָכט באַם הארצן פון נאָך א געפיל, פונעם נעקאָמע־געפיל, וואָס האָט זיך אויך גענערט און גע־שטארקט פון הייליקער ליבע און פון גערעכטיקן האס און צאָרן.

## II. נעקאָמע

אינעם בלוטיקסטן געראנגל פון וועלטן איז נעקאָמע געוואָרן דאָס טאט־פּייִקע און מעכטיקע געווער אין קאמף פאר רעכט און גערעכטיקייַט.

מילכאָמע־צײַט איז באגאנד מיט נ ײַ ב י ל ד ו נ ג ע ן (נײַע ווערטער) און ב ײַ ב א ט ײַ ט נ (פאראנענע ווערטער מיט נײַעם באטײַט) צוגעקומען אין יידיש אויך דער געפליגלטער אויסדרוק פון נעקאָמע.

יידן האָבן, דוכט זיך, גוט פון וועמען נעקאָמע צו נעמען און אין ווע־מען א נעקאָמע צו האָבן, און דאָך איז עס א נײַבילדונג געווען אין יידיש — נ ע ק א ָ מ ע נ ע מ ע ר, פ א ָ ל ק ס ־ נ ע ק א ָ מ ע נ ע מ ע ר.

דער הויך פון מענטשלעכער, ניט פון נידעריקער און קלײנלעכער, נע־קאָמע, דער הויך פון ה ע ר א ָ י ש ע ר נעקאָמע האָט גערוט אף אונדזער העלדישער א ר מ י י פ ו נ נ ע ק א ָ מ ע נ ע מ ע ר. „ארמיי פון נעקאָמענעמער", — ס'איז גע־ווען דעם כאווער סטאלינס געפליגלטע באצײַכענונג. די ארמיי פון נעקאָמע־נעמער האָט דורכגעפירט מיט שטארקער האנט איר ק א ָ נ ט ע פ ו נ נ ע ק א ָ מ ע. „קאָנטע פון נעקאָמע" איז געוואָרן א געפליגלטער אויסדרוק, ספּעציִעל אין דער ארמיי, ווו דער דאָזיקער אויסדרוק האָט זיך געפּאָרט מיטן אויסדרוק ק א ָ נ ט ע פ ו נ ע ר ע („счет чести", „счет мести").

מילכאָמע־צײַט ווערט אויך באזונדערס וואריִירט און אקצענטירט די נע־קאָמע־סינאָנימיע:

נעקאָמע (נעמען נעקאָמע, זיך נויקעם זײַן), נעקאָמענעמער, נויקעם וועניטער—„פאָלגט מיך מײַן נויקעם וועניטער אין פײַער־צעגליטקײַט" [1], אָפּצאָל (אָפּצאָלן), צעצאָלונג (צעצאָלן זיך), געצאָלטס—„ס'קומט די אויסלייזונג, ס'קומט דאָס געצאָלטס" [2], אָפּרעכענונג (אָפּרעכענען זיך)...

דאָס נעקאָמע־וואָרט קומט אויך אײַנגעפּאסט אינעם דערהויבענעם, אינעם פײַערלעכן אויסדרוק און רוף:

דאָרשט פון נעקאָמע, אין טאָג פון נעקאָמע, די שאָ פון הייליקער נעקאָמע, דאָס הייליקע פײַער פון נעקאָמע, דאָס בלוט רופט צו נע־

1) ע. פינינבערג. מישפּעט.

2) ע. פינינבערג. אין וואלד.

קאָמע, נעמענ בלוטיקע נעקאָמע, זיכ אָנזועטיקנ מיט נעקאָמע... „מאָנענ און צאָלנ" [1], „באצאָלנ וועט דער פײַנט" [2], ס'גייט די שאָ פונ אָפּצאָל און פונ שטראָף [3], אינ טאָג פונ צעצאָלונג...

נעקאָמע, נעקאָמע נעמענ, אָפּצאָל, צעצאָלונג, באצאָלונג, צאָלנ, באצאָלנ, צעצאָלנ זיכ, אָפּרעכענונג, רעכענענ זיכ, אָפּרעכענענ זיכ, צערעכענענ זיכ — דאָס זײַנענ אלצ סינאָנימענ פונעמ וואריִריקנ טיפּ (זע אויבנ „היימ־סינאָנימיע"). וו־ניט־ווו פילט זיכ דאָכ אויכ דאָ א געוויסע באטײַטלעכע שאטירונג. אזוי איז עס, אשטייגער, מיט „נעקאָמע" אינ פארגלײַכ מיט די אריבערגעטראָגנ־עמאָציאָנעלע באטײַטנ פונ „צאָלנ" מיט די אויסבילדונגענ פונעמ דאָזיקנ וואָרט.

## III. העלדנוואָרט

### 1. העלדנ־סינאָנימיע

גאָר אנ אָנזיכטיק אָרט אינעמ ייִדיש פונ מילכאָמע־צײַט פארנעמט דאָס וואָרט, וואָס באצייכנט דעמ העראָיִזמ, דעמ רומ פונעמ סאָוועטישנ מענטשנ, דערינ אויכ פונעמ סאָוועטישנ ייִדנ.

דאָס העלדנוואָרט קומט, צווישנ אנדערנ, צומ אויסדרוק אינ דער היפּשער צאָל געוויינלעכע סינאָנימישע באצייכענונגענ פונ העראָיִזמ. באנאנד מיט די געוויינלעכע באצייכענונגענ גייט אויכ דאָס דערהויבענערע, דאָס פײַערלעכע סינאָנימישע וואָרט.

די מיטיילונגענ פונעמ פאָלקס־קאָמיסאריאט פאר שוצ וועגנ איבערפורעמענ די טיילנ אינ גווארדייִשע הייבט זיכ אָנ אזוי:

„פאר אויסערגעוויינלעכער געוואגטקײַט (отвага) אינ די שלאכטנ פארנ פאָטערלאנד מיט די דײַטשישע פארכאפּער, פאר פעסטקײַט (стойкость), מוט (мужество), דיסציפּלינ און אָרגאניזירטקײַט, פארנ העראָיִזמ פונעמ פערזענלעכנ באשטאנד איבערפורעמענ..." [4]

פול און פיל איז די שפּראכ מיט אזא פּראָסטער און קרעפּטיקער סינאָנימישער רײַ:

העלדישקײַט, העראָיִזמ, מוט(יקײַט), העלדנמוט(יקײַט), געוואג(טקײַט), שרעקלאָזיקײַט, דרייסט(קײַט), גוורע, מעסירעסנעפעש...

אנ איינהײַטלעכע לויטנ גרונט־באטײַט, האָט די דאָזיקע וואָרט־רײַ געוויסע סטיליסטישע שאטירונגענ. אינ „מוט", „העלדנמוט" איז פאראנ א געוויסע גרעסערע קאָנקרעטקײַט פונ באטײַט לעגאבע „מוטיקײַט", „העלדנמוטיקײַט" ביק־

---

1) נאָמענ פונ ל. רעזניקס א ליד.
2) נאָמענ פונ ש. האלקינס א ליד.
3) פונ ד. האָפּשטיינס א ליד.
4) מײַנ אונטערשטרייכונג.

לאל. די קירצערע (אָנסופיקסישע) פאָרמ אינ דער סינאָנימישער ריי („געוואג", „דרייסט") פארמאָגט אינ זיכ מערער עמאָציאָנעלקייט אינ פארגלייכ מיט דער פולערער פאָרמ — „געוואגטקייט", „דרייסטקייט". „געוואג", „דרייסט" קומט דעריבער אָפטער אינעמ דיכטערישנ וואָרט, צומאָל אויכ צוליב ריטמ אונ גראמ. „העלדישקייט", „העראָיזמ", „מעסירעסנעפעש" ווייזט, זעט אויס, די דערשיינונג דערהויפּט אינ גייסטיק־פּסיכאָלאָגישנ פראט („מעסירעסנעפעש" טראָגט נאָכ אינ זיכ די שאטירונג פונ דערהויבנקייט, פייערלעכקייט), דאנ וועג „גוורע" באצייכנט מערער די אייגנשאפט אינ מאטעריעל־פיזישנ זינענ:

...כ'זע, ווי עס הייבט זיכ דיינ שטאָלענע גוורע,
דיינ קאָרענע גוורע אפ בערג... [1])

מיינסטנס אָבער זיינענ אָט די אלע באצייכענונגענ סינאָנימענ פונעמ וואָרייִקנ טיפ (זע אויבנ „היימ־סינאָנימיע").

אינ יידיש איז מילכאָמע־צייט שטארק פארשפּרייט דאָס וואָרט העלד (העלדישער), אָפט באגלייט מיט פארשיידענע כאראקטעריזירנדיקע באצייבענונגענ:

פאָלקס־געבענטשטער העלד, ליכטיקער העלד, רויטער העלד, לעגענדארער העלד, ברודער־העלד, באָכער־העלד [2]), ווונדער־העלדישע כאַיאָלעס, יידנ־העלדנ (פונ ראטנפארבאנד), העלדישער ייד, העלדישע זינ (טעכטער) פונ אונדזער פאָלק, העלדישע אופשטענדלער (אינ די פוילישע געטאָס)...

אונ אויכ אינ יידיש קומט אָט דאָס וואָרט צו אויסדריקנ מאסנהאפטע אַל־פאָלקישע העלדישקייט:

העלדנלאנד, דאָס פאָלק דער העלד, די שטאָט דער העלד, העלדנשטאָט...

אָפט געפּאָרט מיט העלד קומענ די סינאָנימענ: שלאכטמאנ, קריגער, קריגסמאנ...

אָט די באצייכענונגענ, נאָכ נייע אונ דאָכ גאנצ געוויינלעכע שוינ פאר יידיש, פארמאָגנ א געוויסע דערהויבענע שאטירונג פונ באטייט (אינ פארגלייכ, אשטייגער, מיט מיליטערמאנ, מיליטערישער). אָט ווי ניי־דערהויבנ ס'האָט געקומענ קלינגענ מילכאָמע־צייט דאָס שוינ גאנצ געוויינלעכע וואָרט אינ יידיש — אופשטענדלער (אופשטענדלערישער), באַבאנד מיטנ עלטערנ וואָרט — מוירדימ:

1) אי. פעפער. צו אוקראינע.

2) לויט שווארצמאנס „פיינער באָכער־העלד".

העלדישע אופשטענדלער (פון ווילנער געטאָ), געטאָ־אופשטענדלער, די אופשטענדלערישע פאָן (פון ווארשעווער געטאָ), עס שטורעמט מוט פון מוירדים [1]), מוירדים־בלוט...

אגעוו, צוערשט האָט מ ו י ר ד י מ מיט נייַער קראפט גענומען קלינגען נאָך אין יענע מילכאָמע־יאָרן בא שווארצמאַנען:

...זיך שלענגלען שורעס מוירדים
מיט ביקס אין האנט, מיט ווארעמע בלוט אין הארצן...
(„אופשטאנד").

די דאָזיקע שורעס זיינען מילכאָמע־צייַט אָפט איבערגעכאזערט געוואָרן באנאנד מיטן נאָמען „אָשער שווארצמאַנ" גופע, וואָס איז שוין אויך געוואָרן א העראָישער שלאכט־סימוואָל אונ וואָס איז הערלעך באזונגען געוואָרן אין דער יידישער מילכאָמע־דיכטונג [2]).

פארשפרייט ווערט אין יידיש מילכאָמע־צייַט דאָס סימוואָלישע וואָרט — ג י ב ע ר (צומאָל אויך ג וו א ר [3]) אין דעם זעלבן זינען):

שלאכט־גיבער, פאָלקס־גיבער, סאָוועטישער גיבער, גיבוירים פון וואָלגע, גווארדייער־גיבוירים, א זון א גוואר, א גוואר א פאָשעטער.... יידישער גיבער, היינטצייטיקער גיבער פון אונדזער פאָלק, אונדזער יאמ־גיבער... [4]).

ווי העלד, אזוי קומט אויך „גיבער" („גוואר") צו באצייכענען מאסנהאפ־טיקע, אלפאָלקישע גוורע און רום:

א פאָלק א גיבער [5]), גיבוירים־ארמיי, גיבוירים־אָנגריפ, גיבוירים־שטאָט, שטאָט פון גיבוירים (סטאלינגראד), „שטייט ווי א גוואר אפ די בערג פון שטעט פון ראסייער די מאמע"... [6]).

דאָס וואָרט ג י ב ע ר האָט ביקלאל אויסגעברייטערט זייַן א יי ג נ ש א פ ט־ל ע כ ע פאָטענץ באַמ כאראקטעריזירן און באַמ שאצן די מילכאָמע־העראָיק. עס האָבן זיך פארמערט די צונויפזאצן מיט „גיבער", ווו אָט דאָס וואָרט קומט אלס ב א ש ט י מ ־ ט י י ל:

1) ע. פינינבערג. אין וואלד.

2) זע, אשטייגער, פינינבערגס „אָשער צווישן די באָגונער", פעפערס „דער שורעסטער־וועג", כאשטשעוואצקיס „אָשער שווארצמאַנ", ה. שוועדיקס „אָשער שווארצמאַנ" אאַ.

3) ג וו א ר באצייכנט דערהויפט א מענטשן מיט פיזישער קראפט.

4) וועגן די העלדן פון סאָוועטנפארבאנד, די יידישע יאמלייט — יִסראָעל פיסאנאָוויטש, א׳סאק קאָבא אאַ.

5) ד. בערגעלסאָן. א פאָלק א גיבער. „אייניקייט", נומ. 25, 1943.

6) אי. פעפער. באלאדע וועגן צוויי פאָנען.

גיבער־דומ, מיט גיבער־ברוסט (זיכ קעגנגעשטעלט), מיט א גיבער־טויט (איז געפאלנ לייזער פאפערניק), „אונ גיבער־קראפט שפאנט אָפּ־גרונטנ אריבער מיט א ליד...״ [1]), „דאָס גיבער־געביינ פונ גווארדייער באפעלט...״ [2])

עס קומט אויכ פאָר די אדיעקטיווישע אויסבילדונג — ג י ב ע ר ד י ק, ב ע ר י ש:

גיבערדיק פאָלק, „האָבנ ׳זאוואָדנ גיבערדיק געטאָנ זיכ א צע־אָטעמ...״ [3]), גיבערישע הענט (פונ סאָוועטישנ מענטשנ), „ס׳וועט באלד א שפאר טאָנ מיט גיבערישע גופימ...״ [4])

אינעמ דיכטערישנ וואָרט פילט זיכ די דאָזיקע א ד י ע ק ט י ו ו י ש ע נייבילדונג אָנזיכטיקער, אויסדריקלעכער לעגאבע „גיבער״ אלס ט ײ ל פ ו נ ע מ צ ו ־ נ ו י פ ז א צ.

אינ איינקלאנג מיט ג י ב ע ר איז אויכ מיט נייער קראפט אופגעאנגענ דאָס וואָרט — ר י ט ע ר:

ווער זיינענ מיר? — באמ לאנד די פרייע היטער.
ווער זיינענ מיר? — באמ פאָלק די טרייע ריטער... [5])

ווי רופט מענ דעמ פישער, וואָס האָט זיי פארהיט דאָ,
די שיפלעכ...
אונ האָט זיי געבראכט פאר די דניעפרישע ריטער?.. [6])

דאָס וואָרט „ריטער״ האָט דאָ די דערהויבנ־מעטאפאָרישע שאטירונג פונ באטייט.

ספעציעל דארפ מענ אָפּמערקנ דעמ העלדנ־סימוואָל — ס אָ ק אָ ל. ס אָ ק אָ ל — דאָס איז א פארצייטישער פאָעטיזירטער סימוואָל אינ דער וועלט־ליטעראטור, ספעציעל אונ דער אלטסלאווישער ליטעראטור.

געבוירנ איז אָט דאָס וואָרט אינעמ שויס פונ דער פעאָדאלער געזעלשאפט אלס אָפּשפיגלונג פונעמ איינגעשטאנענעמ יעגערישנ שטייגער, פונ דער ליבע צומ סאָקאָל, דעמ יעגערשנ פויגל.

דאָס בילד פונ סאָקאָל לעבט מיט פולנ לעבנ אינ דער אלטסלאווישער העראָישער ליטעראטור, אָנגעהויבנ פונעמ „געזאנג וועגנ איגאָרס חיל״ [7]).

---

1) ע. פינינבערג. אינ וואלד.

2) פּ. מארקיש. געזאנג וועגנ די אכט אונ צוואנציק.

3) פּ. מארקיש. עס בליט דער בעז.

4) ע. פינינבערג. לעמ דער וואָלגע.

5) ע. פינינבערג. אינ וואלד.

6) פּ. מארקיש.

7) „Высоко плаваеши на дѣло въ буести яко соколъ на вѣтрѣхъ ширяяся...“ („הויכ טראָגסטו זיכ צומ העלדנטאט מיט געוואג, ווי א סאָקאָל, וואָס טוט פלאטערנ אפ די ווינטנ״). אזוי ווערט דאָ „סאָקאָל״ היפש מאָל איבערגעכאזערט.

דרײַכ דערמיט איז דאָס העראָיִשע פאָלקסשאפן פונ דער עלטערער אונ פונ דער שפעטערדיקער צײַט [1]. נאָכ אינ באגינ פונ זײַנ שאפונג־וועג האָט גאָרקי ארויסגעזונגענ זײַנ ליב־ליד דעמ געוואגטנ סאָקאָל—דעמ מענטשנ דעמ העלד, אונ דער דאָזיקער מאָטיוו האָט הילכיק אָפּגעקלונגענ אינ זײַנ שאפנ, ווי ביקלאל אינ דער גאָרער פאָרגעשריטענער פאררעוואָליוציאָנערער ליטעראטור.

אינ דער סאָוועטישער צײַט האָט דאָס געשטאלט פונ סאָקאָל באקומענ א נײַעמ ליכטיקנ כיינ. אינ דער פארמילכאָמעדיקער אונ ספעציעל אינ דער מילכאָמעדיקער צײַט איז ס אָ ק אָ ל געוואָרנ בא אונדז די באצייכענונג פונ פלי־געוואג אונ פונ פלי־מײַסטערשאפט:

סטאלינישער סאָקאָל, שטאָלצער סאָקאָל, סאָקאָל פונ אונדזער היימלאנד...

כ׳ווער א סאָקאָל, גיכער פונעמ ווינט
וועל איכ דיכ נאָכיאָגנ, דעריאָגנ דיכ געשווינד... [2]

אלס טערמינ פארנ פויגל האָט יִדיש שוינ לאנג פארייגנט דאָס וואָרט—פ א ל ק. אונ מילכאָמע־צײַט איז פעסט ארײַנ אינ יִדיש די סימוואָלישע אונ די העראָיִשע באצייכענונג—ס אָ ק אָ ל.

דאָס פילארטיקע סינאָנימישע העלדנוואָרט איז אינ יענע טעג געוואָרנ אויכ אינ יִדיש א גאנגבאר ש ל א כ ט י ק־ש ט י י ג ע ר י ש וו אָ ר ט. די פארמערונג פונ דער צ אָ ל פונ אזוינע סינאָנימענ האָט געווירקט אויכ אפ דער א י י כ ע ס פונ דער עצעמ וואָרט־האפט, וואָס איז דורכ אָט די סינאָנימענ באפארבט געוואָרנ מיט א געוויסער סטיל־העראָיִזאציִע.

## 2. העראָיִזאציִע דורכנ עלטערנ וואָרט אונ אויסדרוק

מילכאָמע־צײַט איז ניט זעלטנ צו טרעפנ די אינקרוסטאציִע פונעמ עלטערנ וואָרט, פונ דער עלטערער נאָמענטלעכער אסאָציִאציִע, פונ דער איבערפראַזירונג פונעמ עלטערנ אויסדרוק. צו טרעפנ איז עס איבערהויפּט בא פאלנ פונ געהעכערטנ סטיליסטישנ גאנג, אָנגעמאָסטנ צומ אנטשפרעכיקנ דערהויבענעמ געמיט־צושטאנד אונ געמיט־אויסברוכ.

פונ דער געשיכטע אונ פונ דער געשיכטלעכער לעגענדע פונ פאָלק קוועלט אָנ דער שטאָלצער נאָמענ, וואָס וועלקט ניט פונעמ שטויב פונ יאָרהונדערטער אונ וואָס רופט זיכ אָפּ אפ דעמ הײַנט פונ דער פאָעט־זירטער ווײַטער ווײַט. אפ אנ אייגנארטיקנ אויפנ קומט דערמיט צומ אויסדרוק דער לעבעדיקער איבערופ פונ העראָיִשע דוירעס, די געוויסע געמיינזאמקײַט פונ טאט אונ פונ מוט אפ פארשיידענע היסטאָרישע עטאפּנ.

---

1) אינעמ רוסישנ פאָלקלאָר פונ די פויערשע אופשטאנדנ ווערט סטעפאנ ראזינ געשילדערט אינ געשטאלט פונ „млад ясён-сокол“. אינ דער אוקראַיִנישער דומע איז א סאָקאָל דער יונגער קאָזאק, וואָס איז ארײנגעפאלנ אינ דער טערקישער געפענקעניש.

2) ע. פינינבערג. דער יונג אונ דאָס מיידל.

מילכאָמע־צײַט האָט זיך אויך אין ייִדיש דערהערט דער דויערסדיקער טראַט פונעם אַלטסלאַווישן גיבער, וואָס האָט זיך פעסט א שטעל געטאָן אין איינ ריי מיט דעם יונגן דאָר סאָוועטישע ריטער:

...מיט די שטראַלנדיקסטע גרוסן, אינעם פלאַם די קראַפט געפורעמט,
רעדט אזוי דאָס קינד פון רוסלאַנד, זאָגט אזוי איליא פון מוראָם...
פאַר די קינדערלעכס יעסורים, קעגן סוינע קעגן בייזן
איז ארויס איליא פון מוראָם, ס׳האָט די ערד זיך אופגעטרייסלט... [1]

אין די טעג פון מילכאָמע ווערט אונדזער וואָרט באַזונדערס באַפרוכפּערט מיט דערמאָנונג פון ייִדישער געשיכטלעך־לעגענדאַרישער מערידע און פון ווידערשטאַנד.

פאַרשפּרייט ווערט די אסאָציאַציע מיט שימשן הגיבער, וואָס האָט פאַר ביטערט געקעמפט מיט די פּלישטים, די ערגסטע פּײַנט פון די אמאָליקע בניי־ייִסראָעל, און וואָס האָט זײַן אייגענעם אומקום פאַרוואַנדלט אין א נע־קאָמע פאַר זײַן פאָלק.

אָנגעמאָסטן צו די העלדישע טאטן פון די הײַנטצײַטיקע גיבוירים קומט צומאָל אין דער מילכאָמע־כראָניק שימשנס געוויסער שפּרוך: „באַדײַ אלייג אומקומען, אבי מיט די פּלישטים צוזאַמען” („תמות נפשי עם פלשתים”).

מילכאָמע־צײַט איז אין ייִדיש ביקלאַל צו טרעפן די אלט־העראָיִשע ייִדישע באַמענטלעכע אסאָציאַציע:

פון ניט־פאַרוועלקנדיקן אוראַלט איך פאַרנעם,
ווי א צאוואָע, דעם געוריש פון שלאַכטן.
איך פאַרגעס ניט,
ווי שימען און ווי לייווי האָבן אויסגעקוילעט שכעם
פאַר לעסטערן, פאַר שענדן זייער שוועסטער... [2]

„אין שוצגרוב איז געזעסן דער ייִדישער באָכער דאָוויד קאַץ, און דאָוויד איז ניט אָפּגעטראָטן פאַר דעם געפּאַנצערטן גאָליאַס האַפּ־לישטי...” [3]

און מעגסטו גאָליאַס זײַן, ביין פון זײַן ביין,
וועל איך באַנײַס א קאָן איצט דאָוויד ווערן,
און ס׳וועט פון שטיינוואַרפער איין פראָסטער שטיין
אפּ טויט צעלעכערן דײַן קופּער־שטערן... [4]

1) ע. פינינבערג. אוי, וועט זיין בא אונדז א יאָנטעוו!
2) פּ. מארקיש. דעם ייִדישן שלאַכטמאַן.
3) אי. ערענבורג. אָט אזוי שלאָגן זיך ייִדן. „אייניקייט”, 17־16, 1942. דאָס דאָזיקע קעפּל איז, אגעוו, ניט איין מאָל אָנגעווענדעט געוואָרן אינעם ייִדישן פּובליציסטישן וואָרט מילכאָמע־צייט.
4) מ. כאשטשעוואצקי. דאָוויד און גאָליאַס. בא דעם זעלביקן דיכטער זיינען מילכאָמע־צייט באַארבעט א ריי מאָטיוון לויטן אלטן ייִדישן העראָיִשן עפּאָס: „שימשן און דלילע”, „יאָעל און סיסרע”, „כאַנע מיט אירע זיבן זין”. זע זיין ביכל „אמאָל און היינט”.

די דאָזיקע דערשײַנונג פון אַליוזיע (אָנדײַטעוודיקע אַסאָציאַציע) האָט איך יענע טעג געשאַפן דעם לער[illegible] איבערוף צווישן דעם העראָישן אַמאָל און הײַנט.

באַנאַנד מיט די לעגענדאַרע גיבורים האָבן אויך אויפגעשײַנט דיווירקלעכע גיבורים פון אונדזער גרויסער געשיכטע—די מ אַ ק אַ ב ײ ע ר, בּ אַ ר ק אָ כ בּ ע. אינעם פּינקעס פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז געווען אָפט צו טרעפן אָט די העראָישע נעמען אין אָנווענד צו די קאָנקרעטע ייִדישע העלדן:

> איינקלעך פון מאַקאַבייער, הײַנטיקע מאַקאַבייער, אונדזערע נײַע מאַקאַבייער, סאָוועטישער באַרקאָכבע, נײַע באַרקאָכבעס...

דער אַלטער גוווּרע־נאָמען, באַהעלט מיט נײַער שײַן, פלעג קומען צו פאַרקערפּערן די לעבעדיקע העראָיק פון אונדזערע טעג, וואָס האָט געקלונגען ווי ליכטיקע אויסגעדיכטעטע לעגענדע.

---

עס זײַנען פאַראַן אַלטע ווערטער און אויסדרוקן, וואָס אַף אַן אייגנאַרטיקן אויפן שווימען זיי אַרויף באַם פאָלק אַף די נײַע עטאַפּן פון זײַן געשיכטע אין זייער אָנגענומענער פאָרם אָדער מאָדיפיצירט לויטן גײַסט פון דער צײַט.

ס׳פלעג גילטן באַ ייִדן דער טראַדיציאָנעלער אויסדרוק—אַל קידעש האַשעם. אָפּטערס איז עס געווען דער אויסדרוק פאַרן פּאַסיוון מאַרטירערטום פון גאָטס וועגן, און פאַרוועבט איז ער ניט מיט איין לעגענדע פון פאָלקס פּלאָג און קלאָג.

מילכאָמע־צײַט איז אויפגעקומען די אייגנאַרטיקע איבערפאַראַזירונג פון אָט דעם אויסדרוק. פון די רייען פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָט זיך עס געלאָזט הערן.

> „מיר, די ייִדישע אָנטיילנעמער פון די נעקאָמענעמע־מאַכנעס, האָבן זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל געזאָגט: מיר ווילן ניט שטאַרבן אַל קידעש האַשעם! מיר ווילן אָפּגעבן אונדזערע לעבנס אַל קידעש האַפּאָטערלאַנד!" [1])

מיט דער איבערפאַראַזירונג „אַל קידעש האַגאָרנישט" איז דאָ אויפגעריסן די פּאַסיווע „גאָטס־הייליקונג" („קידעש האַשעם"), מעג עס אַפילע זײַן אַן איידעלע און אַ דערהויבענע פאָרם פון מעסירעסנעפעש. און די איבעפּראַזירונג „אַל קידעש האַפּאָטערלאַנד" האָט דורכגעשניטן מיט נײַעם שײַן און האָט דערהויבן דעם עצעם באַגריף פון „הייליקונג" צו דער מאַדרייגע פון אַקטיווער,

1) „צו מײַן טאַטן אין אַמעריקע" (אַ בריוו פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן צו זײַן פאָטער), „אייניקייט", 29, 1943.

פון העראָישער אָפּערווייליקײַט פאַר אייגן לאַנד. און פאַר אייגן פאָלק—לויט אַן ענלעכער איבערפראַזירונג פון „הייליקונג", וואָס איז ענג געבונדן מיט די אָקאָרשט געבראַכטע:

„הייליק זײַנען די נעמען פון די אומגעקומענע „אַל קידעש האָאָמ"— שלוימע גאָרעליק, לייזער פּאַפּערניק, באָריס כיגרין—באַקרוינט מיט העלדישע טאַטן און מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד" [1].

„...גרויס איז די צאָל פון די אומבאַקאַנטע העלדן, פון די קעמפערס, וואָס זײַנען געפאַלן אַל קידעש האָומע..." [2]

אמ־האַסײפּער. ס'איז אויך אַ סקאַרבאָווע באַצייכענונג וועגן זיך באַם פאָלק פון קולטור און גײַסט. מילכאָמע־צײַט איז נאָך צוגעקומען די איבערפראַזירונג—עם החרב"—„פאָלק פון שווערד".

„אין דעם גרעסטן און אנטשיידנדיקסטן קאַמף אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט... האָט דאָס ייִדישע פאָלק אַמערסטן אַנטפּלעקט אַלע זײַנע בעסטע אייגנשאַפטן אי פון אַ „אמ האַסייפער", אי פון אַ „אַמ האַכערעוו"... [3]

דעם זעלבן אויסדרוק איבערפראַזירט טרעפן מיר אויך אין אַ ווענדונג צום כאַווער סטאַלין:

„דאָס פאָלק, וואָס האָט אין מעשעכ פון דוירעס געשעמט אַלס „אַמ האַסײפער", האָט אין די גרויזאַמע טעג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע דערוויזן, אַז טיף אין דער פאָלקס־נעשאָמע האָט געלעבט און זיך געשליפן אויך די קראַפט פון דער שווערד..." [4]

„אַל קידעש האַפאָטערלאַנד", „אַל קידעש האָאָמ", „אַל קידעש האָאומע", „אמ האַכערעוו"—ס'רוט אַפּ אָט די אויסדרוקן דער הויך פון דער עלטערער שפּראַך־פאָרם, נאָר ס'איז דורכויס נײַע, מילכאָמע־צײַט געבוירענע איבערפראַזירונג. און די דאָזיקע אויסדרוקן שטייען אין איין ריי מיט דעם גאָרן שלאַכטיקן און העראָישן שטאָפּ, וואָס אין די טעג פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט ער זיך געלאָזט הערן הילכיק און מיט שטאָלץ אין דעם ייִדישן קינסטלערישן און פובליציסטישן וואָרט.

---

1) ש. מיכאָעלס. אָפּזאָגן זיך פון זיי! „אייניקייט", 8־7, 1943.

2) י. דאָרעסמאַן. אומבאַקאַנטע העלדן. „אייניקייט", 12, 1945.

3) ש. עפּשטיין. רעאַלע מעגלעכקייטן—רעאַלע ווונדער. „אייניקייט", 25, 1944.

4) פון דער ווענדונג פונעם דריטן מיטינג פון די פאָרשטייער פונעם ייִדישן פאָלק. „אייניקייט", 15, 1944.

# באַטאַליזמען

מיט דער אַלגעמײנער באַצײכענונג באַטאַליזמען מײנען מיר סײַ דעם שמאָלן, דעם ספּעציִעלן, סײַ דעם באַקאַנטן, דעם אַלגעמײן־געבּרויכלעכן לעקסיקאָן פון מיליטערישן כאַראַקטער.

ווי יעטווידער ספּעציִעלער לעקסיקאָן, אַזוי איז אויך דער באַטאַלישער ניט דורכויס קײן שמאָלער, קײן שטרענג אָפּגעזונדערטער לעקסיקאָן. און מילכאָמע־צײַט גײט דאָך בּיקלאַל היפּש באַטאַלישער לעקסיקאָן גלײַך אַרײַן אינעם ברײטן שפּראַך־אומגאַנג.

צום ערשטן מאָל מיט אַזאַ פאַרנעם אין יִדיש האָבּן מילכאָמע־צײַט אַ פלײץ געטאָן די פילאַרטיקע אַרויסווײַזונגען פונעם באַטאַלישן וואָרט און אויסדרוק. וועלן מיר ווײַטער ברענגען און באַטראַכטן אײניקע כאַראַקטעריסטישע פאַלן פון אַזאַ לעקסיקאָן.

## I. שעפּע פון באַטאַלישן לעקסיקאָן

מילכאָמע־צײַט איז אויך אין יִדיש אַף אַן אײגנאַרטיקן אויפן געקומען אין באַוועגונג די גאָרע פילאַרטיקײַט פון די לעקסישע, וואָרטבּילדנדיקע און פראַזעאָלאָגישע מיטלען פון דער שפּראַך אַף אויסצודריקן די באַטאַלישע באַגריפן און פאָרשטעלונגען:

פאָדער־פּאָזיציע, פאָרפעלד [1], פײַער־פּונקט [2]... אויטאָמאַטלער, זעניטלער, מינירער... פײַערוואַרפער, האַנט־קוילנוואַרפער, מינעןוואַרפער... קאָנטראַטאַקירן, באָמבּירן, שטורמעווען...

אײנצלנע באַטאַליזמען בּײַטן זיך און קומען באַנאַנד מיט פאַרשײדענע באַטאַלישע פראַזעאָלאָגישע אויסדרוקן. דאָס זײַנען דערהויפּט שטאַנד־

1) זאָגנ פאַר דער הויפּטלעכער שוצליניע פונעם פײַנט.

2) יעטווידער שיס־פּונקט אַף דער פּאָזיציע — אַ שלאַכטמאַן מיט אַ קוילנוואַרפער, מיט אַ פײַער־וואַרפער, באַם האַרמאַט אאַוו.

האפטיקע גרופעס[1]) פון טערמינאָלאָגישן אָדער פון האלבטערמינאָלאָגישן כאראקטער:

(ווארפן זיך, גיין) אין אטאקע, פארגיין אין פלאנג, עפענען א פײַער, אין קאָאָרדינירונג (פון פארשיידנערליי געווער)... דירעקטער אָנציל, פיקירן אפן ציל, פראָנטאלע אטאקע, מאסירט פײַער...

ס'וואָלט אויסגעקומען צו פארנעמען גאָר אסאך אָרט אפ צו ברענגען כאָטשבי א קורצן צעטל פון די גאנגבארסטע באטאליזמען, וואָס מיט זיי איז מילכאָמע־צײַט געווען פול די סוואָדקע פון סאָווינפאָרמביוראָ, דאָס צײַטונג־ארטיקל, די באטאלישע פארצייכענונג, די מארש־ליד, די העראָישע באלאדע, די פאָפולערע בראָשור.

דאָס באטאלישע וואָרט איז ארופ אפן סאמע אויבערפלאך פון דער שפראך. באנאנד מיט אנדערע ענלעכע דערשײַנונגען האָט די היפשע צאָל באטאליזמען ארײַנגעבראכט געוויסע אייכעסדיקע ענדערונגען אין אייניקע פלאסטן פון דער שפראך, באטאליזירנדיק זיי אפ א געוויסן אויפן.

די שעפע באטאליזמען, אלס אלגעמיינע דערשײַנונג, האָט אויך אין יידיש מיטגעבראכט א ריי ספעציעלע ארויסווײַזונגען לויטן כאראקטער פון דער מילכאָמע אין די הײַנטצײַטיקע באדינגונגען.

## II. באטאליש ספעציאליזירטער באטײַט

א כאראקטעריסטישע אייגנטימלעכקײַט אין דער ליטערארישער שפראך מילכאָמע־צײַט איז די באטאלישע ספעציאליזאציע פון וואָרט. מייסטנס קומט עס פאָר מיטן פילבאטײַטיקן וואָרט. ווי בא יעטווידער ספעציאליזאציע, פארשמעלערט אויך דאָ די באטאליזאציע דעם אלגעמיינעם באטײַט אָדער די אלגעמיינע באטײַטן פונעם וואָרט. אין געגעבענעם פאל איז עס אָבער א באזונדער מין פארשמעלערונג פונעם וואָרט־באטײַט. די פארשמעלערונג קומט דאָ פאָר ניט אין קיין אָפגעגרענעצטן סאָציאלן קרײַז, ווו א געוויינלעך וואָרט מיט

---

1) א פראזעאָלאָגישער אויסדרוק איז, אלס קלאל, א באהעפט פון צוויי און מערער ווערטער מיטן איהאלט פון איין באגריפ, פון אן איינצלנער באצייכענונג. אינעם פראזעאָלאָגישן אויסדרוק שיידט מען נאָך אונטער שטאנדהאפטיקע גרופעס פון א גרעסערער אָדער פון א קלענערער מאָס באהעפטקייט. א מער שטייפן, א באשטענדיקערן באהעפט, ווי אויך א בילדערישן אינהאלט האָבן די אידיאָמאטישע אויסדרוקן אין דער סיסטעם פון די שטאנדהאפטיקע גרופעס.

שטאנדהאפטיקע גרופעס אין איין שפראך קענען אזוינע ניט זיין אין אן אנדער שפראך, די רוסישע שטאנדהאפטיקע גרופעס, אשטייגער, воздушная оборона, огневая точка, минное поле זיינען אין יידיש צונויפזאצן — לופט־שוץ, פייער־פונקט, מינען־פעלד.

אמער אלגעמיינעם באטײַט באקומט א ספעציעלן באטײַט, נאָר גראָד דער ספעציעלער באטײַט ווערט עס טאקע דער הויפטזעכלעכער, דער גרונטיקער באטײַט, וואָס איז אקטואליזירט, באזונדערס אויסגעטיילט אינעם מאטעווּן באנעם און געברויך פונעם וואָרט.

מיר מיינען דערמיט אזוינע ווערטער:

פ א ר י י נ י ק ו נ ג (מיליטערישע, פארטיזאנישע, טאנקען־פ.); ר י כ ט ו נ ג (ב־ער, קיעווער); א ר ו מ ג א נ ג (א.־מאנעוור); ק ל א פּ (דערלאנגען א ק., צעשמעטערנדיקער, מאסירטער ק.); ר א נ ד (שוצ־ר., אויסגאנג־ר.); פ ײַ ע ר (עפענען א פ., פילשיכטיק פ.)...

פ א ר ש מ ע ל ע ר ט דעם באטײַט און איינצײַטיק פ א ר ב ר י י ט ע ר ט דעם געברויך, האָבן א ריי אזוינע ווערטער פארטיפערט זייער טאָך, פארשטארקט זייער ווירקונג אף אונדזער באוווסטזײַן, אף אונדזער געמיט אין יענע טעג.

פון סאמע פײַער [1]; אין פײַער... [2]

עס האָט דער הויכריידער פון סאָסנע־בוים באַם לאָנקע־זוים
אפסנײַ געמאָלדן — מיר, דער געגנט, אלע פלאמיקע ארומען:
— ש ל א כ ט ן  א י ן  ד ע ר  א ו מ א נ י ע ר  ר י כ ט ו נ ג ! [3]

אָ לאנד פון שוידער, לאנד פון שאנד,
מיט פעסטע טריט איך ברעך דײַן ראנד... [4]

פ ײַ ע ר, ווי גופע די אויסדרוקן דערמיט — פ ו ן  ס א מ ע  פ ײַ ע ר, א י ן  פ ײַ ע ר, אזוי אויך ר י כ ט ו נ ג, ר א נ ד — די דאָזיקע געוויינלעכע ווערטער און אויסדרוקן זײַנען דאָ אָנגעפילט געוואָרן מיטן ב א ט א ל י ש ן טאָך, מיט דעם הייסן שלאכט־אָטעם פון דער גאָרער דיכטערישער שורע. אזוי איז עס אָבער פאָרגעקומען מיט אזוינע ווערטער ניט בלויז אין דיכטונג. דער קלאָר אויס־געשיילטער באטאלישער טאָך פון אזוינע ווערטער איז געווען באדינגט פון דעם בלוטיקן אינטערעס צו יעטווידער ריכטונג, צו יעטווידן ראנד, ווּהין ס'איז געווען שארף געצילט דאָס זיגערישע פײַער פון אונדזער פאָלק און לאנד.

## III. פיגורעלע באטאליזמען

1

דער אונטערשייד צווישן דירעקטן און אריבערגעטראָגענעם באטײַט פון וואָרט איז אין א היפשער מאָס, ווי באוווסט, א רעלאטיווער און א באדינג־לעכער. פאלן פון קעגנזײַטיקער דורכדרינגונג אין אריבערגאנג זײַנען דאָ א גאָר אָפטע דערשײַנונג.

1) נאָמען פון א ציקל אין פינינבערגס בוך „פון שלאכט־פעלד”.
2) נאָמען פון פאליקמאנס א בוך מילכאָמע־פארצייכענונגען.
3) ע. פינינבערג. אומאניער ריכטונג.
4) ש. כאַלאָדענקאָ. געקומען איז דער טאָג.

אין דער שפּראַך זײַנען פאַראַן היפּש אַזױנע װערטער, אַשטײגער, װי צ י נ ג ל [1]) באַ שיס־געװער, װי ש ל ײ פ [2]), אַלס העכערער מין פּילאָטאַזש.

פיל װערטער, װידער, האָבן פאַרבאָרגן „פּאַרטײַעט" זײער בילדערישן טאָך, אָדער די בילדערישקײַט האָט זיך שױן באַ זײ אױסגעװעפּט פון לאַנגאָניקן גע־ברױך. צומאָל האָט דאָ אױך צו זאָגן די אַנדערשפּראַכיקע אָפּשטאַמונג פונעם װאָרט. אַשטײגער:

פּ אַ ר אַ ב ע ל ו ם [3]) (פון לאַטײניש para bellum—גרײט זיך צו מילכאָמע.

ס נ ײַ פּ ע ר (ענגליש Sniper).

אין דער ענגלישער יעגער־שפּראַך האָט דאָס װאָרט „סנײַפּער" צוערשט, אײגנטלעך, באַטײַט — ש נ ע פּ נ ש י ס ע ר [4]), שיסער פון שנעפּפײגל (פון ענ־גליש Snip [5]). ס׳איז דער שװערסטער מין געיעג,—דער שנעפּפױגל פליט אומ־גראָדליניק און זײער שנעל. מיט דער צײַט האָט „סנײַפּער" גענומען באַצײ־כענען אַ טרעפיקן שיסער ביקלאַל. דערנאָך איז עס שױן געװאָרן אַ מיליטע־רישער טערמין פאַר אַ שיסער פון דער העכסטער קװאַליפיקאַציע. אין ייִדיש זײַנען מילכאָמע־צײַט צוגעקומען אַזױנע אױסבילדונגען װי — ס נ ײַ פּ ע ר ײַ, ס נ ײַ פּ ע ר נ, ס נ ײַ פּ ע ר י ש ע ר, און ס׳איז אין זײ ניט געװען צו פילן דעם „עמעסן", ס׳הײסט דעם בילדערישן טאָך פונעם װאָרט.

באַטאַלישע איבערבאַזיניקונגען זײַנען מילכאָמע־צײַט ביקלאַל געװאָרן אַ גאַנגבאַרע זאַך. דער דירעקטער באַטײַט פון װאָרט האָט באַקומען אַן אומדי־רעקטן באַטײַט, דער אומדירעקטער — נאָך אײן אומדירעקטן באַטײַט. אָט זײַ־נען אײניקע בײַשפּילן פון אַזױנע פיגורעלע באַטאַליזמען:

ק נ ו פּ (שוצ־, װידערשטאַנד־ק.);.
נ ע ס ט (פײַער־, קײַלנװאַרפער־נ.)..
ר ו נ ג (פײַער־, בלאָקאַדע־ר.).
ק ע ס ל, ז אַ ק־ מיטן באַטײַט: אַרומרינגלונג.

צ ו נ ג — אַ לאַנגאָניקע באַצײכענונג פאַר אַ געפאַנגענעם, פון װעלכן מע קריגט אַרױס פאַרשײדענע ידיעס [6]).

---

1) קנאַל־טײל פונעם מעכאַניזם באַ שיס־געװער.

2) פלוג לױט אַ װערטיקאַלן קרײַז.

3) אַן אַרט אױטאָמאַטישער שנעלשיסנדיקער פּיסטױל.

4) רוסיש—бекасник.

5) רוסיש—бекас.

6) אַזױ איז עס אין רוסיש, איצט — שױן אױך אין ייִדיש. אין ייִדיש איז דאָ נאָך קעדײ אָנצװײַזן דעם געברױך פונעם װאָרט אין דעם זעלבן זינען (געװאָרע װערן עפּעס) באַ אַקסנ־פעלדן — „כ אַ פּ ן אַ צ ו נ ג" („שטערנטיכל").

אס — א מײַסטערישער פליִער און לופט־קריגער (סאָוועטישער אַס) [1].
אַלס בײַשפּיל פון ווײַטערדיקער איבערבאַזײַיקונג קען דינען אָט אַזאַ אָנווענדונג פון דעם דאָזיקן וואָרט: „דער אנערקענטער אונטערוואַסער־אַס פּיסאַנאָוויטש".

אָפּקײַקלען זיך. אינעם אַריבערגעטראָגענעם מיליטערישן זינען האָט עס געהייסן — אַפּגיך אָפּטרעטן, מאַכן פּלייטע.

אַראָפּנעמען (דעם וואַכמאַן): פאַרניכטן, פּאַטערן.

די מילכאָמע־כראָניק פאַרמאָגט היפּש אַזוינע בילדערישע באַטאַליזמען פון טערמינאָלאָגישן און פון האַלבטערמינאָלאָגישן כאַראַקטער. די דאָזיקע באַטאַליזמען שטימען מיט נאָך אַנדערע באַטאַליזירטע בילדערישע ווערטער, וואָס האָבן זיך טיף אײַנגעשניטן אין דער מיליטערישער שפּראַך פון יענע טעג, און וואָס זײַנען דאָ צומאָל אָנגעווענדעט געוואָרן אויך אין ספּעציעלן סטיליסטישן זינען (זע ווײַטער „דאָס האַרץ פון אַלטן וואָלף" — וועגן „קעסל", „זאַק").

.2

ס'האָבן געהאַט אַן אָנגאַנג באַטאַלישע איבערבאַזייִקונגען פון שטייגערישן, ספּעציעל פון אַרבעט־שטייגערישן וואָרט.

שטעפּן (וועגן א קוילנוואַרפער).

דורכקעמען (מיט קוילנוואַרפער — דעם וואַלד, מיט פײַער פון דער לופט) אין ברייטן געברויך הייסט געוויינלעך דורכקעמען — אָפּרייניקן, קעמענדיק (לײַנג, וואָל).

איבערמאָלן (די טעכניק און די לעבעדיקע קראַפט פונעם פײַנט).
אָנזאָטלען (דעם שאָסיי־וועג).

אַ(ר)וויסרויכערן (די דײַטשן). אינעם אייגנטלעכן באַטײַט הייסט עס — געבן דעם וועג מיט רויך (אַ פוקס פון דער נאָרע, ביגען פון בינשטאָק), אַריבערגעטראָגענערהייט איז עס — צווינגען אַוועקצוגיין, אָפּצוטרעטן.

קלעם (נעמען דעם פײַנט אין ק., פײַער־ק.).

---

1) אין פראַנצויזיש און אין ענגליש — טויז (אין קאָרטנשפּיל). אַריבערגעטראָגן הייסט עס — אויסגעצייכנטער, מייסטערישער (פליִער). „אַס" איז אויפגעקומען נאָך בייס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, אין דער אַרמיי פון די פאַרבינדעטע. אַזוי האָט מען דאַן גענומען רופן א פליִער, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן ניט ווייניקער פון צען ניצחונעס אין דער לופט.

מיר וועלן נאָך אָפּמערקן אַן אייגנאַרטיק־ייִדישע איבערבאַזיניקונג, וואָס מיר טרעפן זי מילכאָמע־צײַט:

(נײַע) לופט־מענטשן — וועגן די מוטיקע ייִדישע פליִער[1]). ס׳קומט אַ ווײַלע אַפּן געדאַנק אונדזער אַמאָליקער „פליִער״: „מענאַכעם־מענדל הייסט ער, אַ פליִער... אַ נעכטיקער טאָג...״[2]) און ס׳גרייסט זיך דאָס געמיט מיט די הײַנטיקע ייִדישע סטאַלינישע סאָקאָלן־פליִער.

---

אין דער מילכאָמע־כראָניק איז פאַרשפּרייט געוואָרן די קעגנשטעלונג פון דער קריג־אומגעבונג, פון דער שלאַכט־אַקציע מיט די סטיכישע נאַטור־קרעפטן. אין די מיטיילונגען און פאַרצייכענונגען איז דאָ אָפט צו טרעפן די כאַראַקטעריזיר־ווערטער: האָגל, שטורעם, אוראַגאַן, שקוואַל, לאַווע:

פײַער־האָגל, האָגל פון בלײַ, קוילן... פײַער־שטורעם, אוראַגאַן־פײַער, אוראַגאַן פון פײַער און פון שטאָל... פײַער־שקוואַל, אַ שקוואַל פון פײַער און פון שטאָל... פײַער־לאַווע... שטאָל־לאַווע...

גופע די סטיכישע נאַטור־קרעפטן זײַנען אַזוי אַרײַנגעצויגן געוואָרן אינעם בלוטיקן קאַן באַם שילדערן דעם פאַרביטערטן קאַמף מיטן סוינע.

3.

געוויינלעכע באַגריפן און באַצייכענונגען, האָבן מיר געזען, זײַנען באַטאַליש איבערבאַזיניקט געוואָרן. מילכאָמע־צײַט איז אויך נאָכצומערקן אַזאַ פאַרשפּרייטע דערשײַנונג: אייגנטלעכע באַטאַליזמען ווערן אָנגעווענדעט אַפּ צו באַצייכענען אַלגעמיינע, ניטבאַטאַלישע באַגריפן און פאָרשטעלונגען.

אין דער זאַוואָדישער, ווי אין דער קאָלווירטישער אומגעבונג, פלעגמען אַפּ קיין רעגע ניט פאַרגעסן, אַז „דער צעך — איז פראָנט, דער געשטעל — איז אַ שלאַכט־געווער״ (פונעם אויפרוף פון די אווטאָזאַוואָדלער אין די טעג פון מילכאָמע). די שפּראַך איז געווען פול מיטן פיגורעלן וואָרט וועגן די קריגער פון הינטערלאַנד, גוואַרדייער פון אַרבעט, וועגן אַרבעט־העלדנטום, וועגן די אַרבעט־סאַליוטן פון די סטאַכאַנאָווצעס (אָנטשפּרעכיק צו די אַרטילערישע סאַליוטן לעקאָוועד די רומפולע באַפרײַער פון אונדזער היימלאַנד)...

עס זײַנען צוגעקומען היפּש אויסבילדונגען מיטן וואָרט שלאַכט, אָנגעווענדעט צום הינטערלאַנד[3]).

---

1) זע, אַשטייגער, מ. אייזנשטאַט. „אונדזערע נײַע לופט־מענטשן״. „אייניקייט״, 28, 1943 י.

2) שאָלעם־אַלייכעם. „טעוויע דער מילכיקער״ (אַ בוידעם).

3) באַנאַנד מיט דער פאַרמערטער צאָל אויסבילדונגען מיט „שלאַכט״ ביקלאַל: שלאַכט־פאַרגעבונג, שלאַכט־ליניע, שלאַכט־פלוג, שלאַכט־קאָנטע, שלאַכט־אויסצייכענונג...

שלאכט־בלעטלעך[1], שלאכט־טעג (בא די קוילנגרעבער), אפ א שלאכט־
אויפן זיך גרייטן צום פארזיי...

און אינעם יידישן בילדערישן ווארט טרעפן מיר אפט:

...זיך פון דער ערד—צום שלאכטיקן[2] פארזיי!..[3]
די שטילקייט אין מוזיי ז'מיט שלאכטיקייט[2] באטרונקען...[4]

„שלאכטיקע", „שלאכטיקייט"—די דאזיקע אויסבילדונגען האבן דא באקו־
מען א געוויסן אלגעמיינערן באטייט באם שילדערן אומגעבונג, באם אויס־
דריקן געמיט־צושטאנד אין יענע טעג[5].

.4

צו די אייגנטלעכע באטאליזמען וועלן מיר צולעצט צוגעבן געוויסע
אלגעמיינע בילדערישע ווערטער און אויסדרוקן, וואס ס'ליגט אפ זיי
דער בלוטיקער צייכן פון מילכאמע. מיר וועלן נעמען בלויז אייניקע אזוינע
כאראקטעריסטישע ווערטער און אויסדרוקן, וואס זיינען געווארן געפליגלט,
ס'הייסט, באזונדערס אנגענומען און דעריבער באזונדערס גאנגבאר אין דער
שפראך.

מילכאמע פון מאטארן.
ס'איז דעם כאווער סטאלינס געפרעסטע און אויסשעפיקע באצייכענונג,
וואס האט באשטימט און געוויזן דעם כאראקטער פון דער איצטיקער מילכאמע.

איינהייטלעכער שלאכט־לאגער.
ס'איז די לעניניש־סטאלינישע פארמול וועגן אונדזער לאנד. מילכאמע־צייט
ווערט עס אפט געברויכט, ווי אויך פארשיידן וואריירט.

איינס אפ איינס.
וועגן דעם הערא־ישן צווייקאמפ פונעם סאוועטישן פאלק מיט די דייטשן
(איידער ס'איז אופגעקומען דער צווייטער פראנט)[6].

דער סוינע בא די טויערן.

1) רוס. Боевые листки (וואנט־בלעטלעך אין די צעכן מילכאמע־צייט).
2) מיין אונטערשטרייכונג.
3) פ. מארקיש. א שווע פון פריילינג.
4) פ. מארקיש. טראפייען.
5) אגעוו, אין פעפערס ערשטע לידער פון בירגערקריג האט אפט געגאלטן שלאכטישע מיט דער זעלביקער שאטירונג פון באטייט („שלאכטישע זענט" אדג.).
6) לויטן רוסישן—один на один. אויך אין רוסישן איז עס, אייגנטלעך, א צוגעקימענע בייע שאטירונג פון באטייט אינעם אויסדרוק, וואס פריער האט ער באטייט בלויז—אויג אפ אויג, אונטער פיר אויגן.

דער דאָזיקער רופ איז אינ אונדזערע פארשיידענע שפראכנ איבערגעכאזערט געוואָרנ בא דער פארטיידיקונג פונ לענינגראד, בייסנ קאמפ בא די צוגענג צו קאווקאז[1].

מעקויעכנ סוינע גופע זײַנענ מילכאָמע־צײַט שטארק גאנגבאר געוואָרנ די געפליגלטע ווערטער—מילכאָמע־אונטערצינדער, באוואָפנט איבער די ציינ[2], קאנאָנענ־פלייש[3] אא.

ס'האָבנ געגאָלטנ נאָכ אנדערע בילדערישע באטאליזמענ, מילכאָמע־אויסדרוקנ פראָנטישע, הינטערלענדישע. די אויבנגעבראכטע באטאליזמענ געהערנ צו די סאמע כאראקטעריסטישע אונ צו די באזונדערס גאנגבארע.

די געוויסע באטאליזאציע פונ דער שפראכ האָט זיכ קאָנטיקער, אָנשוילעכער געפילט אינעמ באטאליש־אריבערגעטראָגענעמ וואָרט מילכאָמע־צײַט. אונ אויב בילדערישקײַט איז ביקלאל אייגנטימלעכ דער שפראכ אינעמ גאָרנ פארנעמ פונ אירע אויסדרוק־מעגלעכקײַטנ, איז אינ געוויסע געזעלשאפטלעכע פעריאָדנ אנטפלעקט זיכ אָט די אייגנטימלעכקײַט פונ דער שפראכ באזונדערס בולעט אונ שארפ. דאָס זײַנענ אויכ אזוינע פעריאָדנ, ווי די טעג פונ מילכאָמע מיט זייער אויסערסטער אָנשטרענגונג, מיט זייער אָנגעגליטנ שלאכטאָטעמ.

## IV. באטאלישע וואָרטבילדונג

מיר האָבנ שוינ אויבנ אָפגעמערקט די דערשײַנונג פונ נײַבאטײַט, ווענ א פאראנענ וואָרט אינ דער שפראכ באקומט א נײַעמ באטײַט אָדער א נײַע, אינעמ געגעבענעמ פאל א באטאלישע, שאטירונג פונעמ באטײַט. מילכאָמע־צײַט אונ נאָכ ערעוו מילכאָמע זײַנענ אויכ אָנגעבוירנ היפש באטאלישע נײַבילדונגענ, נײַגעשאפענע באטאליזמענ. מיר וועלנ איצט ברענגענ אייניקע גרונט־ארטנ פונ דער יידישער באטאלישער וואָרטבילדונג, וואָס מילכאָמע־צײַט האָבנ זיי באקומענ א באזונדערס אָפטנ אָנגאנג.

---

1) לויטנ אלט־רוימישנ אויסהרוק: Hannibal ante Portas. אינ יידיש איז דער דאָזיקער רופ געוואָרנ פאָפולער זינט אָשער שווארצמאנס בארימטער ליד „דער סוינע בא די טויערנ". מילכאָמע־צייט איז דער דאָזיקער אויסדרוק אָפט אָנגעווענדעט געוואָרנ אינעמ יידישנ דיכטערישנ וואָרט (זע, אשטייגער, פיניגבערגס ליד „צעשמעטערנ!")

2) לויטנ פראנצויזישנ il est armé jusq'aux dents, רוסיש—вооруженный до зубов; אינ יידיש האָט זיכ נאָכ דער דאָזיקער אויסדרוק געפילט ווי ניי, אונ מע האָט נאָר געזוכט ווי אזוי גענויער אימ אויסצודריקנ — „באוואָפנט ביז די ציינ", „באוואָפנט איבער די ציינ". בעסער איז דאָס צווייטע.

3) צוערשט לויטנ פראנצויזישנ chair a canon. אינ יידיש שרייבט מענ נאָכ סיי „הארמאטנ־פלייש", סיי „קאנאָנענ־פלייש". מער פארשפרייט איז דאָס צווייטע. אגעוו, אינ אזא פאָרמ טרעפנ מיר עס נאָכ בא פערעצנ.

## 1. קריגער

א ריי סופיקסן מיטן אלגעמיינעם באטײַט פֿון טוער: ־ער(ן), ־לער(ן), ־יסט(ן) — קומען מילכאָמע־צײַט צו באצייכענען — מיליטער־טוער, קריגער:

אווטאָמאטלער, פֿארבינדלער, אונטערײַסלער, טאנקען־פארניכטלער, מינירער, אינפאנטעריסט, טאנקיסט...

דורכויס פּראָדוקטיוו זײַנען דאָ אויך די אנטשפּרעכיקע אויסבילדונגען אינעם צווייטן מין:

סנײַפּערן, פּליערן, זעניטלערן, קוילנוואַרפערן, פאַרבינדלערן, אויסשפּירערן, פאַרטיזאנערן...

די דאָזיקע אויסבילדונגען זײַנען שוין לאַנג באַדינגט פון דער גאָר נײַער און פֿון דער גאָר גרויסער ראָל פֿון דער סאָוועטישער פרוי אין אונדזער סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן. אַזוי איז עס אויך געווען מילכאָמע־צײַט.

באַזונדערס פּראָדוקטיוו צו באַצייכענען קריגער איז דער סופיקס ־לער(ן). דער דאָזיקער סופיקס האָט נאָך ספּעציעל געדינט באַם דיפערענצירן דעם באַטײַט פון געווער (מיטן סופיקס ־ער) און פון קריגער:

קוילנוואַרפער — קוילנוואַרפלער, מינענוואַרפער — מינענוואַרפלער, פאַרניכטער — פאַרניכטלער...

ספּעציעל דאַרף מען אָפּמערקן די אויסבילדונגען לויטן טיפּ: גוואַרדיע־מאַיאָר, גוואַרדיע־קאַפּיטאַן, גוואַרדיע־גענעראַל־פּאָלקאָווניק...

די יידישע פאָרם פון צונויפזאַץ מיטן אַקצענטירטן באַשטימטייל „גוואַרדיע" אַנטשפּרעכט דאָ אַפּ אַן אייגנאַרטיקן אופן דעם בוי פון דער דאָזיקער באַצייכענונג אין רוסיש, ווו гвардии איז איבערגערוקט (אינווערסירט) און אַקצענטירט.

היפּש אַזוינע ווערטער האָבן נאָך נײַ געקלונגען אין יידיש. דערמיט איז צו דערקלערן דעם טיילווײַזן „וואָרטקאַמף" און די דובלירונג באַם באַצייכענען די קריגער לויט זייערע פאַרשיידענע אַרטן און פאַכן (וועגן דעם ווײַטער).

## 2. באַוואָפענונג

גאָר היפּש נײַע אויסבילדונגען כאַראַקטעריזירן די באַוואָפענונג, די מיליטערישע אָביעקטן, בכלל די מילכאָמע־טעכניק, די טעכניק מיט דער נײַער

זאמל־שאטירונג פונעם וואָרט אלס ס כ ו ם פון טעכנישע מיטלען [1]. אין דער איצ־טיקער מילכאָמע איז עס געווען אן אומגעזעענער אין דער געשיכטע פון מילכאָמעס סכום פון אוויִאציע, טאנקען, אוטאָמאטיש געווער, פון באזונדערס קאָמפּלי־צירטע סיסטעמען באפעסטיקונגען. היפּש נייַע טעכנישע באטאליזמען זייַנען דאָ צוגעקומען אויך אין רוסיש, שוין אָפּגערעדט פון ייִדיש.

מיר האָבן שוין אויבן אָפּגעמערקט די סטאלינישע באצייכענונג — מ י ל־כ אָ מ ע פ ו ן מ אָ ט אָ ר ן. דער מאָטאָר איז אין דער איצטיקער מילכאָמע געווען אן אוניווערסאל מיליטעריש מיטל, אָנגעהויבן פונעם עראָפּלאַן, פּו־נעם טאנק, אויסגעלאָזט מיטן פּאנצער־אוטאָמאָביל. האָט זיך דעריבער פאר־מערט דער געברויך סייַ פונעם וואָרט מ אָ ט אָ ר גופע, סייַ פון די אויסביל־דונגען און פון די צונויפזאצן מיטן דאָזיקן וואָרט. אין ספּעציעלן מיליטערישן זינען האָט עס זיך שוין טיילווייַז געלאָזט פילן נאָך פאר דער מילכאָמע. אין די טעג פון מילכאָמע איז עס געוואָרן א פארשפּרייטע דערשייַנונג:

מאָטאָריזאציע, מאָטאָ־אינפאנטעריע, מאָטאָ־הארמאט, מאָטאָמעכטייל...

מיט דער דורכויסיקער „מאָטאָריזאציע" זייַנען שוין בעמיילע אויך געווען געבונדן די באטאליזמען פאר אוויִאציע און פאר דעם טאנק־וועזן.

---

אין דער פאָריקער מילכאָמע האָבן געגאָלטן דערהויפּט הילצערנע עראָפּלאַ־נען. אזוינע עראָפּלאַנען האָבן דאן דעריקער געמאכט אויסשפּיר־פלוגן. סאָף מילכאָמע האָט זיך פארשטארקט די ראָל פון דער אוויִאציע צו הילף די רעגו־לערע מיליטער־טיילן. און אין דער איצטיקער מילכאָמע האָט די אוויִאציע געקראָגן גאָר אן אויסשליסלעכן באטייַט און אן אומגעהייערן פארנעם. האָט זיך בעמיילע פארמערט און פארשטארקט דער געהעריקער וואָרט־געברויך אין געביט פון אוויִאציע. מיטגעבראכט האָט עס א היפּשע צאָל צונויפזאצן מיט „אוויִאָ":

אוויִאָ־מאָטאָר, אוויִאָ־הארמאט, אוויִאָ־באָמבע, אוויִאָ־פעלד, אוויִאָ־דעסאנט [2]...

אין דער איצטיקער מילכאָמע האָבן זיך אויך באזונדערס פארשפּרייט פאר־שיידנערליי פאָלקומענע ארטן פון אוויִאָ־באָמבירונג. האָט עס אויך מיטגע־בראכט א צאָל צונויפזאצן מיט „באָמבע":

---

1) „טעכניק" מיט אזא זאמל־שאטירונג („לעבעדיקע קראפט און טעכניק") טרעפט מען באם באוועך סטאלין סיי אין די ארויסטרעטונגען מילכאָמע־צייט, סי נאָך פריִער („די שעפע פון טעכניק אין די קאָלווירטן...").

2) אגעוו, „דעסאנט" קען דינען אלס ביישפּיל פון פ א ר ב ר י י ט ע ר ט ן באטייט פון וואָרט. „דעסאנט" האָט געוויינלעך געהאט באטייט בלויז א מיליטערישע יאם־אָפּעראציע. אין דער איצטי־קער מילכאָמע איז אָבער באזונדערס אָנגעגאנגען אויך דער ל ו פ ט ־ (פ א ר א ש ו ט ־) ד ע־ס א נ ט, אָדער א ו ו י אָ ־ ד ע ס א נ ט. די פּראקטיק פון דער איצטיקער מילכאָמע האָט אויך גע־וווסט פון טאנקעווע, סאפּיאָרישע, אוטאָמאטלערישע דעסאנטן.

צינד־באָמבע, פוגאס־באָמבע, טיפ־באָמבע...

די באַצייכענונגען פון די אַרטן אַעראָפּלאַנען וועלן מײַנסטנס אויסגעבילדעט מיט דער הילף פונעם סופיקס ־ער:

באָמבאַרדירער (אויך באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַן), שטורמער (אויך שטורעם־אַעראָפּלאַן), פאַרניכטער, פיקירער, טאָרפּעדנטרעגער...

ספּעציעל דאַרפן אויך אָפּגעמערקט ווערן די פאַרשיידענע „זעניט"־אויסבילדונגען:

זעניטקע, זעניטלער(ן), זעניט־האַרמאַט, זעניט־אַרטילעריע...

צום סאָף פון דער פאַריקער וועלט־מלחמה האָבן די ענגלענדער גענומען אָנווענדן דעם נאָך פּרימיטיוון שטילגייִקן טאַנק. אין דער איצטיקער מלחמה איז שוין אַף אַ מאַסנהאַפטן אופן אָנגעווענדעט געוואָרן דער פולקומענער טאַנק. זײַנען אויך צוגעקומען היפּש „טאַנקעווע" און „קעגנטאַנקעווע" באַצייכענונגען אין דער שפּראַך:

טאַנק, טאַנקעטקע [1], פּאַנצערטאַנקעווע (קרעפטן), טאַנקען־בויער, טאַנקען־פאַרניכטלער, קעגנטאַנקעווער (האַרמאַט, גראַנאַט, ריוו)...

פון די איניציאַליקע אַברעוויאַציעס, וואָס האָבן זיך אײַנגעבירגערט אין ייִדיש, וועלן מיר דאָ ספּעציעל אָפּמערקן — ד אָ ט [2], ד ז אָ ט [3]. די דאָזיקע ווערטער האָט מיטגעבראַכט די נײַע סיסטעם פון דויערהאַפטע באַפעסטיקונגען.

## 3. שלאַכט־אַקציע

די כראָניק פון דער מלחמה איז רײַך מיט באַטאַלישע ווערטער, דערבײַ אויך מיט נײַבילדונגען, אַף צו באַצייכענען די אומגעבונג, דעם פאַרנעם, דעם כאַראַקטער פון שלאַכט, פון מיליטערישער אַקציע בכלל. מיר האָבן דאָ ווערטער פון פאַרשיידענעם בוי.

א) ס'האָבן זיך פאַרמערט די אַבסטראַקטע סובסטאַנטיוון, וואָס באַצייכענען די אַרט שלאַכט־אָפּעראַציע. מע דאַרף דאָ ספּעציעל אָפּמערקן די ווערטער מיטן סובסטאַנטיווישן סופיקס ־ונג אַף אויסצודריקן טוונג, אַקציע:

מאַנעוורירונג, בלאָקירונג, מינירונג, באָמבירונג, פיקירונג, באָמבאַרדירונג, קאָרעקטירונג, לאָקערונג...

ס'גילטן דאָ היפּש צונויפזאַצן, וואָס שאַפן גאַנצע וואָרט־נעסטן, ווי, אַשטייגער, די צונויפזאַצן מיט — פ ײַ ע ר:

1) אַ קליינער שנעלגייִקער טאַנק, באַוואָפנט מיט אַ קוילנוואַרפער.

2) רוסיש — Долговременная огневая точка, אַ גרויסע קאָמפּליצירטע אײַנריכטונג פון אײַזנבעטאָן און שטאָל, אויסגעשטאַט מיט מעכטיקער אַרטילעריע.

3) רוסיש — Дерево-земляная огневая точка. אַן אײַנפאַכערע אײַנריכטונג פון מאַטעריאַלן, וואָס טרעפן זיך אונטער דער האַנט.

קרייצפייער, פייער־פאָרהאנג, פייער־קרייז, פייער־רונג, פייער־קלעם...
(זע אויך פריער די פיגורעלע באטאליזמען—פייער־האָגל, פייער־שקוואל, אא).

ב) באגלייך מיט די אויבנגעבראכטע סובסטאנטיוון פאר אקציע, פאר טוונג, גייען אָפט די אנטשפרעכיקע ווערבן דערצו:
מאנעווורירן, בלאָקירן, (פאר)מינירן, (צע)באָמבירן, פאָרסירן, פיקירן[1], באָמבארדירן, טאָרפעדירן...
אין דער מילכאָמע־כראָניק קומען צום אָפטן געברויך בא די געהעריקע ווערבן די פארשיידענע ווערבאלע פרעפיקסן (און צוגאָבן):

שלאָגן, אָפשלאָגן, ארויפשלאָגן, דערשלאָגן (דעם סוינע)... קלאפן, אונטערקלאפן (דעם טאנק), ארויסקלאפן (דעם סוינע), אראָפקלאפן (דעם אעראָפּלאן), צעקלאפן (דעם סוינע)... ברעכן (דעם ראנד, דעם ווידערשטאנד), אופברעכן (די שוץ־ליניע), איינברעכן (דעם סוינעס ווידערשטאנד), דורכברעכן (א שפאלט)...

ענלעכע ווערבאלע אויסבילדונגען שאפן אָפט גאנצע נעסטן אזוינע מיטן באטייט פון פארשטארקטער, פון האסטיק־אָנגעשטרענגטער מיליטערישער אקציע.
ג) די אדיעקטיוון כאראקטעריזירן דערהויפט די טעכניש און סטראטעגיש געשטיגענע מיטלען פון דער הייַנטצייַטיקער מילכאָמע:

פילשיכטיק (פייער), טיפ־עשעלאָנירטע (שוץ־ליניע), אווטאָמאטיזירטער, מאָטאָמעכאניזירטער, מאָטאָשיסעדרישער... פיקירנדיקע, (נאָענט־, וויַיט־) באָמבארדירישע (אוויאציע), ראזירנדיקער (פלי)... טאנקענפארניכטלערישער, פאנצערטאנקעווע (קרעפטן), קעגנטאנקעווע... אייַזנבעטאָנענע (דאָטן), געפאנצערטע (אויבערדעקן)...

דאָס איז בלויז א קלענער כאראקטעריסטיש צעטל פון דער פארשיידנארטיקער באטאלישער ווארטבילדונג, וואָס האָט זיך באזונדערס פארמערט און אקטואליזירט אין די טעג פון מילכאָמע.

## 4. וועגן אייַנהייַטלעכקייַט פונעם באטאלישן וואָרט

דאָס באטאלישע וואָרט איז אין א היפשער מאָס א גאנץ נייַער לעקסישער שטראָם אין יידיש. די נייַקייַט, ווי די שעפע דערפון, האָט מיטגעבראכט א מין „פארלעגנהייַט פון רייַכקייַט" באם איינפירן און פארבירגערן דאָס באטאלישע וואָרט.

---

1) דאָס זעלבע אויך—פּיקע. פראנצ. Piqer—שטעכן, אדורכשטעכן, ווי אויך דורכשטעפּן (מיט דער נאָדל).

ס'איז געגאַנגען אין דער אַדעקוואַטקייט פֿון דער באַצייכענונג צום באַגריף. איז עס ניט אַלעמאָל געווען פֿון די גרינגע זאַכן. ס'איז אויך געשטאַנען די פֿראַגע וועגן דער גענויקער אויסגעהאַלטנקייט און איינהייטלעכקייט, וואָס זאָל שטימען מיט די אַלגעמיינע ריכט־ליניעס פֿון דער ייִדישער וואָרט־שאַפֿונג. אַזאַ איינהייטלעכקייט האָט שוין בעמיילע באַדאַרפֿט אויך פֿאַרהיטן פֿון פֿלאָנטערן איין באַגריף מיט אַ צווייטן.

באַם ברויכן באַטאַליזמען האָבן מיר היפּש דובלעטן, ווי אויך מערער פֿון צוויי באַצייכענונגען. אַזוי איז עס אין ייִדיש אין „דער פּובליציסטישער, ווי אויך אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

מיר מיינען דאָ ניט צו באַהויפּטן, אַז ס'מוז דורכויס גילטן בלויז איין באַצייכענונג. אין געוויסע פֿאַלן איז ניט אויסגעשלאָסן צו לאָזן צוויי גאַנגבאַרע באַצייכענונגען. דער ליטעראַריש זיך איינבירגערנדיקער טערמין קען ווי־ניט־ווי גיין באַנאַנד מיטן באַקאַנטן מאַסנטימלעכן וואָרט: שוצגראָבן—אָקאָפּ, קאַנאָן—האַרמאַט, ליזשניק—סקילויפֿער... אין געוויסע פֿאַלן מעג אויך אָנגיין דער אינטערנאַציאָנאַלער טערמין באַגלייך מיט דעם אייגנשפּראַכיקן: אינפֿאַנטעריסט — (צו)פֿוסגייער, קוילן־סעריע — קוילן־ריי, טובמאַרינע[1] — אונטערוואַסער־שיף... פֿאַר דער מערהייט פֿאַלן מוז אָבער אויך דאָ, ווי ביקלאַל אין דער שפּראַך, גילטן די איינהייטלעכקייט און די איינציקייט פֿון דער באַצייכענונג, אַנטשפּרעכיק צום באַגריף.

באַם אָפּקלייַב און באַם ענדגילטיקן פֿאַרבירגערן אַ באַצייכענונג דאַרף מען אַלעמאָל האָבן אין אויג אַ געוויסע ריי קריטעריעס: אַדעקוואַטקייט פֿון דער באַצייכענונג צום באַגריף, די באַצייכענונג זאָל ניט האָבן קיין בייבאַטייט, זי זאָל זיין געפֿורעמט לויט ענלעכע מוסטערן אין דער אייגענער שפּראַך אָדער לויטן געהעריקן מוסטער אין דער אַנדערער שפּראַך, ווילקלאַנג פֿון וואָרט אאַוו. לאָמיר עס איליוסטרירן אויף אייניקע קאָנקרעטע פֿאַלן פֿון באַטאַלישער מיליטערמיניקייט.

אָט טרעפֿן מיר דורכויס: קעגנטאַנקעווע—גרובנס, גראָבנס, קאַנאַוועס, גריבער, ריוון.

קלאָר, אַז „גרוב" (מערצאָל—גריבער) איז מער אַן אַלגעמיינער באַגריף פֿאַר אַ געווייינלעכער ערד־פֿאַרטיפֿונג ביקלאַל, וואָס האָט זיך געקענט אויסבילדן אויך פֿון זיך אַליין. „גרובן" (בלויז מערצאָל) איז אַ ספּעציעלער באַגריף פֿאַר—מינערייען, שאַכטעס. „ריוו" איז אין ייִדיש נאָענט צו—„קאַנאַווע", וואָס באַצייכנט ניט קיין ברייטע פֿאַרטיפֿונג. דאָס פּאַסיקסטע איז דאָ גראָבן (מערצאָל—גראָבנס)—אַ ספּעציעל אויסגעגראָבענע לענגערע און טיפֿערע פֿאַרטיפֿונג. דאָס וואָרט וועט אויך שטימען מיט אַ צווייטער נאָענטער באַצייכענונג—שוצגראָבן.

1) דאָס דאָזיקע וואָרט ברויכט מען מייסטנס אין דער אויסלענדישער ייִדישער פּרעסע.

### מינענוואָרפלער — מינענשיסער — מינענשלײַדערער.

פּאַסיקער, מײנען מיר, איז דאָ דאָס ערשטע. אינ ייִדיש האָבנ מיר שוינ ענלעכע אַנטשפּרעכונגען דערצו, אַשטײגער — קוילנוואָרפלער. מינענוואָרפלער (טוער) האָט אויכ די מײַלע, וואָס דאָס דאָזיקע וואָרט פּאַסט זיכ שפּראַכלעכ (בעמײלע אויכ באַגריפלעכ, געדאַנקלעכ) מיט מינענוואָרפער (אַפּאַראַט). בא מינענשיסער איז דאָס ניטאָ. די אויסבילדונג מיט וואָרפ איז אויכ אַנאַלאָגיש צו די אַנטשפּרעכיקע אויסבילדונגען אינ די סלאַווישע שפּראַכנ.

### אווטאָמאַטלער — אווטאָמאַט־שיסער — אווטאָמאַטשיק.

אָנגעמאָסטענער איז דאָס ערשטע, וואָס בירגערט זיכ אײַנ אינ דער שפּראַכ. אויכ דאָ גילט דער קלאַל מיטנ סופיקס ־לער, וואָס מיר האָבנ שוינ אויבנ גערעדט דערפונ, — די דאָזיקע אויסבילדונג איז ענלעכ צו די אַנדערע אויסבילדונגען מיט ־לער פאַר — טוער, מיליטער־טוער. אינ פאַרגלײַכ דערמיט איז אווטאָמאַט־שיסער אויכ ניט קײנ שפּאָרעוודיקע אויסבילדונג. אונ אויב אווטאָמאַטלער, זעט שוינ דאַנ אויס צו זײַנ איבעריק דער דובלעט אווטאָמאַטשיק. אגעוו, שײַעכ איז שוינ דאָס זעלבע אויכ צו די אַנדערע דובלעטנ, וואָס מיר טרעפנ בא ענלעכע אַזוינע פאַלנ: זעניטלער — זעניטשיק, דעסאַנטלער — דעסאַנטניק, פלאָטלער — פלאָטמאַנ. פאַר ייִדיש איז דאָ דורכויס מערער אײגנטימלעכ די פּראָדוקטיװ געוואָרענע אויסבילדונג מיט ־לער.

### ציל־אָנשטעלער — אָנצילער.

אָנשטעלער האָט א שאַרפנ בײַבאַטײַט. איז דעריבער פּאַסיקער — אָנצילער, וואָס איז אי אַדעקוואַטער צומ באַגריפ (ס׳גײט טאַקע, אײגנטלעכ, אינ אָנצילנ, אָנצילנ זיכ), אי ס׳איז אויכ שפּאָרעוודיקער לויטנ בוי (מע דאַרפ ניט צוגעבנ קײנ „ציל”). דערמיט שטימט אויכ — אָנציל, דירעקטער אָנציל, וואָס איז אַרײַנ אינ דער שפּראַכ.

מע וואָלט די דאָזיקע בײַשפּילנ פונ פילטערמיניקײַט געקענט היפּש פאַרמערנ. אינ דער דאָזיקער אַלגעמײנער אָפּהאַנדלונג וועגנ באַטאַליזמענ שטעלנ מיר זיכ אָבער ניט קײנ ציל צו נאָרמירנ אונ צו פאַרײנהײַטלעכנ דאָס אַלצ, וואָס ס׳פּאָדערט נאָכ א גענויערע אָפּהאַנדלונג אונ א קאָנקרעטערע סיסטעמאַטיזאַציע. מע וועט עס נאָכ דאַרפנ טאָנ ספּעציעל לויט די פאַראַנענע מאַטעריאַלנ אונ לויט די, וואָס וועלנ נאָכ קומענ צו אָפּשפּיגלענ אונ צו פאַרקערפּערנ די מילכאָמע אויכ אינעם ייִדישנ ליטעראַרישנ וואָרט.

---

# דאמסוינע

## I. בלוטיקער וואָרט־שווינדל

די פאשיסטישע אידעאָלאָגיע האָט מיטגעבראכט א טירעפדיקן מינ פסעוודאָ־וויסנשאפט, פסעוודאָ־קולטור. צווישנ אנדערנ, איז אָט דער טירעפ געקומען צומ אויסדרוק אינעמ מעשונע־ווילדנ פארדרייענ א ריי גרונטיקע טאָציאלע באגריפנ מיט זייערע באצייכענונגענ, צוגעריכט מיטנ ניווזעדיקסטנ וואָרט־שווינדל ביקלאָל. מילכאָמע־צײַט האָט דערמיט געמוזט צו טאָנ האָבנ סײַ די בלוטיקע טאָג־כראָניק, סײַ די אופרײַסערישע פובליציסטיש־וויסנשאפטלעכע ליטעראטור.

### 1. אריער־עטימאָלאָגיעס, מישטיינסגעזאָגט

אינעמ פאשיסטישנ אָנווענד האָבנ די באגריפנ „אריער", „ארישער" באקומענ א שארפנ שאָוויניסטישנ נאָכרייעכ. דערצו האָט מענ נאָכ די דאָזיקע באגריפנ גענומענ דורכויס צו אידענטיפיצירנ מיט די באגריפנ „גערמאנער", „גערמאניש".

אינעמ בוכ „Die Arier"[1] קריכט טשעטש (Zschetsch) פונ דער הויט אפ אופצוווײַזנ, אז „אריער"—דאָס איז פונ אייביק אָנ די באצייכענונג פאר עפעס א העכערנ מינ גערמאניש באשעפעניש, וואָס האָט ניט אנדערש ווי געהאט צו שאפנ, צו הערשעווענ איבער גאָר דער וועלט. דאָס וואָרט „אריער" (Aria), פארשטייט איר, איז קרויוויש מיטנ וואָרט „אײַע" (Aja). „אריער" מאשמאָעס, זײַנענ געווענ איאָריער (Aiorier); ס'הייסט—הארנ, הערשער. א סימענ: דאָס קעלטישע Aior און דאָס דײַטשישע Herr זײַנענ נאָענט צווישנ זיכ לויטנ אָפשטאמ, און נאָכ פארצײַטנס האָבנ אָט די ווערטער געהאט צו באצייכענענ א הארנשאפט אזא, א הערשאפט אזא. איז עס דענ ניט קיינ בעפיירעשע רײַע, אינ וואָרט פארקערפערט, מעקויעכ דער אייביקאָניקער פכוירע פונ אנ אריער, נעמלעכ, פונ א גערמאנער?

איז נאָכ קארג. דערווײַזט דאָרט ווײַטער טשעטש, אז אינ דער עטימאָלאָגיע פונ א ריי ווערטער, וואָס זײַנענ, מיינט ער, בעפיירעש פארבונדנ מיט

---

1) „די אריער", ארויס אינ 1934 י.

„Aria“, שטעקט שוינ פונ אמאָל נאָכ די פאָרויסזעונג פונ דער גאָרער פאשיסטישער פראָגראמ ביקלאָל. דאָס לאטיינישע [1] Wir איז דענ ניט געבונדנ מיט דעמ דײַטשישנ [2] Wehr? אונ צי קערנ זיכ דענ אָט די ביידע ווערטער ניט אָנ קיינ נאָענטע קרויוועשאפט מיטנ וואָרט Aior? הײַנט איז דאָכ לויטנ אָפשטאמ Aia בעפיירעש פארבונדנ מיטנ גאָטישנ Aium, מעמיילע שוינ מיטנ דײַטשישנ [3] Heim אאוו. אאוו.

אָט דער אָקאָרשט געבראכטער שיידימ־טאנצ פונ ווערטער איז ניט מער ווי אנ איינצלנער כאראקטעריסטישער בײַשפיל פונ די פסעוודאָ־וויסנשאפטלעכע פאשיסטישע פשעטלעכ אפנ סמאכ פונ ווילקירלעכסטער פאלסיפיקאציע, פונ דורכויסיקנ שווינדל מיט קאָלערליי וואָרט־עטימאָלאָגיעס פונ פארשיידענע היסטאָרישע עפאָכעס. אינ קיינ שומ ערנסטנ עטימאָלאָגישנ ווערטערבוכ אָדער האנטבוכ, דעריבער אויכ אינ קיינ שומ ערנסטנ דײַטשישנ ביזפאשיסטישנ ווערטערבוכ אָדער האנטבוכ, וועט איר אזוינע ניט טרעפנ [4].

ספעציעל בלויז וועגנ דעמ באגריפ „אריער“. „אריער“ זאָל, לויט א ריי וויסנשאפטלעכע אָנגאבנ, געווענ זײַנ דער נאָמענ פונ א געוויסער קלענערער פעלקערשאפט, וואָס האָט אנערעכ דעמ 3—2־טנ יאָרטויזנט פאר אונדזער צײַט געלעבט אפ דער טעריטאָריע פונ דער איצטיקער ארמעניע (דערמיט זאָלנ אויכ געגעטיש זײַנ געבונדנ אזוינע ווערטער, ווי — ארמעניע, אראראט, ארמאוויר אא.). שפעטער שוינ איז דער דאָזיקער נאָמענ פארשפרייט געוואָרנ אפ א ריי אנדערע אינדאָ־אייראָפּייִשע שוואָטימ, נאָענטע צו די אריער, ווי ס'איז פאָרגעקומענ מיט נאָכ ענלעכע עטנישע באצייכענונגענ.

ווי די אריער גופע אמאָל, אזוי זײַנענ אויכ הײַנט צו טאָג די גערמאנישע פעלקער, באגלײַכ מיט אלע אנדערע פעלקער, היסטאָריש אופגעקומענע, געמישטע אונ געקרייצטע געמיינשאפטנ, ס'הייסט פארשיידנשטאמיקע אונ פארשיידנראסישע געמיינשאפטנ, אָט ווי דער נאָמענ „גערמאנער“ איז אויכ אנ אלגעמיינער אונ סומארער און, פארשטייט זיכ, א באדינגלעכער נאָמענ פאר אָט די געמיינשאפטנ.

דער ציל פונעמ פאשיסטישנ וואָרט־שווינדל איז געווענ קלאָר. ס'איז געווענ א מיטל צו דערווײַזנ, אז דאָס „איבער־אויסדערוויילטע“, דאָס סאמע אייבערשטע פונ שטייסל אינ דער מענטשלעכער געזעלשאפט איז דאָס גערמאנענטומ,

1) מאנ, מאנצבל.

2) געווער.

3) היימלאנד.

4) זע, אשטייגער, די אויבנגעבראכטע ווערטער בא:

A. Walde. Lateinisches Etjmologisches Wörterbuch, 1910.

F. Kluge. Etjmologisches Wörterbuch der deitschen Sprache. IX Aufl. 1921.

H. Hirt. Etjmologie der neuhochdeutschen Sprache, 2 Aufl. 1921.

דאָס דײַטשנטום צי דאָס אַלדײַטשנטום (Alldeutschtum), וואָס די האַושגאָכע אַליינ האָט עס דערמיט מעזאַקע געוועזנ די וועלט אפ „צו פאַרטיילנ אונ צו הערשעווענ" איבער איר, צו „אָרגאַניזירנ" [1] אפ איר די קאָלערליי „פראַנ־קענגאַר" [2], „אָסטמאַרק" [3], „וואַרטעלאַנד" [4], „פּראָטעקטאָראַט" [5], „וועסטמאַרק" [6], „אָסטלאַנד" [7] אאַוו.

די אָקאָרשט געבראַכטע באַצייכענונגענ ווערנ שוינ געברויכט דאַפקע אָנ שום עטימאָלאָגיעס, נאָר פאַרקערפערט האָבנ זיי די בלוטיקסטע פאַקטנ אינ טאַט אונ אינ וואָרט וואָס שײַעכ צו דער „נײַער איירָאָפּע", ווו די דײַטשנ האָבנ זיכ ערשט געקליבנ צו פאַרפלאַנצנ זייער „נײַע רעליגיע", זייער „נײַע אָרדע־נונג", מעכילע. ניט מער, זיי האָבנ עס ניט דערלעבט, די דאָזיקע מעטור־רעפדיקע „אַריש"־געשליירטע הארנ.

## 2. ראַסיסטישער מײַנעלאָשנ

ראַסיזמ—דאָס איז דער יעסאָד פונ דער פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע, דער גרונט־טאָכ פונ דער פאַשיסטישער „וויסנשאַפט".

„די אבות הטומאה" פונעמ הײַנטיקנ ראַסיזמ שטעקנ נאָכ העט־העט אינעמ פאַריקנ יאָרהונדערט. האָט דאָכ נאָכ מיט הונדערט יאָר צוריק הענריכ הײַנע געהאַט אָט וואָס צו שרײַבנ וועגנ די קאָלערליי טעווטאָנאָמאַנישע „פינצטערלינ־גענ־שויטימ", לויט זײַנ באַצייכענונג:

„די אויגערופענע אַלטגערמאַנער האָבנ, ניט געקוקט אפ זייער אמעראַצעס, איבערגענומענ בא דער דײַטשישער געלערזאַמקײַט א גע־וויסנ מינ פעדאַנטיזמ, וואָס איז פונקט אזוי עקלהאַפט, ווי לעכערלעכ. מיט וואָס פאַר א מינ קליינלעכער גריבלערײַ האָבנ זיי עס געורטיילט

1) „אָרגאַניזירנ" („organizieren") איז געווענ א באַליבט וואָרט בא די היטלעריסטנ. אפ זייער פאַרברעכערישנ לאָשנ איז עס געוואָרנ א סינאָנימ צו די ווערטער—הארגענענ, פאַרגוואַל־טיקנ, באַרויבנ. אינעמ ייִדישנ סאַטירישנ וואָרט מילכאָמע־צײַטנ ווערט אָט דאָס „אָרגאַניזירנ" אָפּטמאָל אָפּגעמערקט (זע, אשטייגער, ב. גוטיאַנסקי „ניט גרינג צו זײַנ א דײַטשישער כאָסנ", „זאַלצ אינ די אויגנ", 1944).

2) הייסנ זאָל עס—פראַנקענ־געביט. דער היטלעריזמ האָט כיישעק געהאַט אָפּצומעקנ די גרויסע געשיכטע פונ פראַנקרייכ,—ס'איז, הייסט עס, ניט מער דאָכ ווי די „אַמאָליקע ערד פונ דעמ דײַטשישנ פראַנקענ־שייוועט".

3) עסטרײַכ („מיזרעכדיקער גרענעצ־געביט").

4) אזוי פלעג הייסנ מיירעוו־פוילנ, באַהעפט דאַנ צו דײַטשלאַנד (אויבערשלעזיע, פּויזנ אאַ.). דאָס איבעריקע פוילנ האָט דאַנ געטראָגנ דעמ נאָמענ—„גענעראַל־גובערנאַטערשאַפט".

5) טשעכיע אונ מערנ. פריִער האָבנ אזוי די דײַטשנ גערופנ זייערע קאָלאָניעס אינ אפריקע.

6) האָלאַנד („מיירעוודיקער גרענעצ־געביט").

7) א היטלערישער נאָמענ פאַר די צײַטווײַליק אָקופּירטע בײַבאַלטישע סאָוועטישע רעפּובּ־ליקנ, ווי פאַר דער צײַטווײַליק־אָקופּירטער סאָוועטישער טעריטאָריע ביקלאַל.

ווענג די סימאָנים פונ דער דײַטשישער נאַציאָנאַליטעט! ווו הייבט זיכ אָנ א גערמאַנער? ווו לאָזט ער זיכ אויס? האָט עמעצער, זאָל זײַנ אינעם זיבעטנ גילגל, געשטאמט פונ א פראַנצויז, פונ א יידנ צי פונ א סלאַוו, איז ער שוינ געווענ פאַרמישפּעט צו פאַרטריבנ ווערנ, האָט ער זיכ שוינ געמעגט ריכטנ אפ טויטשטראָפ..."[1]).

פאָריקנ יאָרהונדערט האָבנ אָט די מענטשנפרעסערישע ווילדקײַטנ געזאָלט באַרעכטיקנ די קאָלאָניאַלע אונטערדריקונג פונ די „נידעריקע ראַסעס", וואָס שיר ניט גאָט אליינ האָט זיי געהייסנ צו גיינ אינ יאָכ בא די אייראָפּייִשע פאַרכאַפּערס אונ פאַרשקלאַפער. דער פאַשיזמ האָט אפנ ברוטאַלסטנ אויפנ אויסגעברייטערט אָט די ווילדע כעפּציעס מיט וועלנ פאַרשקלאַפנ א וועלט, מיט וועלנ אויסראָטנ ביז לעצט גאַנצענע פעלקער.

דער פאַשיזמ האָט אויכ שטאַרק „פאַרטיפערט" די עצעמ „לערע" ווענג ראַסע. גופע דאָס וואָרט „ראַסע" איז דאָ געוואָרנ א מינ געבאָט, וואָס איז געווענ באַזונדערס טײַער דער פאַשיסטישער זעל:

„ראַסע... אָט איז א וואָרט פאַר דער קראַפט, וואָס דאַרפ ווערנ דער יעסאָד פונ א נײַער וועלט־אָנשויונג, פונ א נײַעמ עטישנ פרינציפּ..."[2])

די „נײַע וועלט־אָנשויונג" איז גענוי פאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרנ אינ פאַרשיידענע „ווערק": געשיכטע, רעכט, קונסט־קענטעניש, פּסיכאָלאָגיע, אַנטראָפּאָלאָגיע, ביאָלאָגיע — „auf rassischen Boden"[3]), „auf rassischer Grundlage"[4]).

אונ וואָס שײַכ דעמ „נײַעמ עטישנ פרינציפּ", האָט עס גאַנצ אָנשוילעכ געצײַגט דער וועלט די אַרמיי פונ רויב אונ מערדערײַ, פונ אויסראָטנ פעלקער, ווי אויכ די דוירעסדיקע מענטשלעכע קולטור.

דאָס וואָרט „ראַסע" איז מאַניאַקאַליש געקײַט אונ איבערגעקײַט געוואָרנ אינעם פאַשיסטישנ לעקסיקאָנ:

Rassenkunde[5]), Rassengeist[6]), Rassenreinheit[7]), Rassen-

---

1) Людвиг Берне. Генрих Гейне. Избранные произведения. ГИХЛ, 1934, стр. 269.

2) Schweuger von Rutkowskj. Rasse und Geist. Nazional-Sozialistische Monatschrifte, 1933, 45.

3) אפנ ראַסנ־באָדנ.

4) אפ דער ראַסישער גרונטלאַגע.

5) ראַסנ־קענטעניש.

6) ראַסנ־גייסט.

7) ראַסנ־ריינקייט.

schmach [1]), Rassenverrat [2]), Rassenzucht [2]), Rassenwieder-geburt [4]), Nordische Rasse [5]), Herrenrasse [3]), Ostische Rasse [7])...

פילארטיק איז געווען די סיסטעם פון „העכערער" און פון „נידעריקערער" ראסע, פון „רייניקן" און „ריינהאלטן" די ראסע, וואָס דער פאשיזם האָט דערינען געזונקען איבער די ברודיקסטע אויערן.

די פאשיסטישע ראסן־באגריפן זײַנען דעריקער געווען פארקערפערט אין אײנעם גרונט־וואָרט („ראסע") מיט זײַנע פארשיידענע באהעפטן. און ס'האָבן דאָ געהאלטן נאָך אנדערע מיטבאגריפן, וואָס האָבן נאָך זיך נאָכגעצויגן דעם זעלביקן ראסיסטישן מײַנעלאָשן. אשטייגער:

## Übermensch — Untermensch

אין די „ציכמיקע" פאשיסטישע שרײַבעכצן איז אָפט געווען צו טרעפן אזוינע מינע אויסבילדונגען ווי Minusmensch (ניטמענטש, ניט קיין מענטש) אָדער Untermensch (אונטערמענטש, קוים א מענטש), קעגנגעשטעלט צום „אויבער־מענטש" („Übermensch") ניטשעס, וועלכער האָט עס געטאָן טון אָנטאָן די קרוינ אפן קאָפּ דער „פרעכטיקער בלאָנדהאָריקער בעסטיע" (אין זײַן „גע־נעאלאָגיע פון מאָראל"). דער פאשיזם האָט דעם „אויבערמענטש" ווידער צום לעבן געבראכט און גענומען צעלייגן אים אפ גײַע טעלערלעך פון מענטשן־פרעסערײַ.

דער „אויבערמענטשלעכער" וואָרט־שיגאָען האָט בא אונדז שוין מיטגעבראכט די געהעריקע כאראקטעריזירנדיקע אויסבילדונגען: אויבער־טאליען, אויבער־גאזלען, אויבער־כײַע...

## Blut

דער פאשיזם האָט ליב געהאט צו פראָקלאמירן זיך אלס „נײַע רעליגיע פון בלוט און ראסע". האָט מען דאָ אָפט געברויכט דאָס וואָרט Blut, באהעפט מיט „ראסע" אָדער מיט אנדערע ראסנארטיקע באגריפן:

1) ראסן־שאנד.

2) ראסן־פאראט. אזוי האָט געהייסן דאָס צוזאמענלעבן פון א דייטש אָדער פון א דייטשקע מיט א מענטשן פון אן אנדער אָפּשטאם.

3) ראסן־אופצירונג.

4) ראסעווע ווידערגעבורט.

5) נאָרדישע ראסע.

6) הארן־ראסע.

7) אָסטישע ראסע.

Rasse des Blutes [1]), Reinheit des Blutes [2]), Mjstik des Blutes [3]), Nordisches Blut [4]), Blut und Boden [5])...

דער אספעקט פונ „בלוט" אונ פונ „בלוט־רײנקײַט" האָט אינעמ פאשיסטישנ לעקסיקאָנ ארײַנגעבראכט אזוינע ברודיקע ווערטער, ווי „Berufstodt“ „Berufsleiche", פאָרשטײער פונ וויסנ אונ קונסט, וואָס האָבנ ניט געקענט דערווײַזנ די רײנקײַט פונ זײער „אריש" בלוט, זײַנענ פארמישפּעט געוואָרנ צו א „פראָפּעסיאָנעלנ" טויט („Berufstodt“), זײַנענ פארוואנדלט געוואָרנ אינ „פראָפּעסיאָנאלע בארמענעס" („Berufsleiche“).

דאָס צעטל ראסעווע מײַנעלאָשנ לאָזט זיכ נאָכ היפּש צו פארמערנ, נאָר זאָל זײַנ גענוג. אזוי איז אפּנ ווילדסטנ אויפנ פאלסיפיצירט געוואָרנ די פּראָבלעמ פונ ראסע אונ אזוי איז פארומווירדיקט געוואָרנ דער נאָמענ מענטש אינ אנ אידעאָלאָגישנ טשאד, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די פינצטערסטע אונ די פּײַנלעכסטע רעאקציע, וואָס די מענטשהײַט האָט ווענ־עס־איז פארזוכט אפ איר היסטאָרישנ וועג.

דער פאשיסטישער בלוט־טירעפ האָט בא אונדז מיטגעבראכט דאָס געהעריקע סאטירישע וואָרט (זע, אשטײגער, ווײַטער וועגנ דער „רײנבלוטיקער לויז" אונ וועגנ דער „רײנארישער פּאָנ־וואנצ"). אינעט דיכטערישנ וואָרט איז אויכ צו טרעפנ די געהעריקע קעגנשטעלונג פונ „רײנ" אונ „אומרײנ" בלוט:

...ניט דו ביסט אומרײנ, פאָלק. דײַנ פּײַנט איז קויט אונ ברוד.
ביסט רײנ, מײַנ יידיש פאָלק, אונ הײליק איז דײַנ בלוט!.. [6])

די ווירדיקע אונ גאליקע בלוט־קעגנשטעלונג איז דאָ באהויכט מיט הארציקער ליבע צומ פילגעליטענעמ פאָלק, ווענ ס׳האָט באזונדערס ווײטעקדיק געטראָפנ די פאשיסטישע בלוט־באָד אינ טאט אונ אינ וואָרט.

## 3. גוואלד, „יודנטומ"!

איז צווישנ די פעלקער פונ גאָר דער וועלט פאראנ א פאָלק, וואָס אלפּי פאשיזמ האָט עס גאָר ניט געטאָרט געדאכט ווערנ אונטער דער זונ. דאָס איז דאָס „יודנטומ", דאָס „וועלט־יודנטומ".

לויט די פאשיסטישע אויסטײַטשער, איז דאָס „יודנטומ", פונ אײנ זײַט, די קאפּיטאליסטישע עקספּלואטאציע פונ דער וועלט, פונ דער אנדערער זײַט,

1) ראסע פונ בלוט.
2) רײנקײט פונ בלוט.
3) מיסטיק פונ בלוט.
4) נאָרדיש בלוט.
5) בלוט אונ באָדנ.
6) ע. פינינבערג. מײנ באריכט.

איז מארקסיזמ, קאָמוניזמ ווידער טאקע דאָס זעלבע „יודנטומ" — „Marxismus gleichbedeutend mit judentum" [1]), צוליב דער זעלבער עקספלואטאציע פונ דער וועלט.

אויכ דער באגריפ „יודנטומ" איז דאָ גוט צונוצ געקומענ דעמ פאשיזמ אפ צו פירנ די בלוטיקע שפיל פונקט אזוי אונ נאָכ טאָפלמאָל מער ברוטאל, ווי ער האָט עס געטאָנ מיט נאָכ אנדערע סאָציאל־עקאָנאָמישע אונ פאָליטישע באגריפנ, ווי מיר האָבנ עס שוינ אויבנ געזענ. אָט איז צו דער זאכ נאָכ אזא באגריפ — קאפיטאל.

אלפי פאשיזמ איז פאראנ „ניטארישער", נעמלעכ „יידישער" קאפיטאל, ס'הייסט געלט־קאפיטאל (בענק, בירזשעס), אונ ס'איז פאראנ „עכט־ארישער", „נאציאָנאלער", ס'הייסט אינדוסטריעלער קאפיטאל. אינ וועמענ האָט זייַנ גרעסטנ סוינע דער „נאציאָנאלער" קאפיטאל? נאטירלעכ, אינעמ „ניטארישנ", אינעמ „יידישנ" קאָנקורענט. דאָס האָט אפנ נידערטרעכטיקסטנ אופנ געזאָלט אונטערהידענ, אופרייצנ די אומענשלעכע אינסטינקטנ בא דער „נאציאָנאלער" מאסע באלעבעסלטומ, וואָס איז געוואָרנ ארבעטלאָז אונ רויִנירט פונעמ קריזיס אינעמ היטלער־לאנד.

אזוי האָט עס געהאלטנ באמ פאשיזמ מיט — קאפיטאל, ספעציעל מיט „יידישנ" קאפיטאל. אונ וואָס שייַעכ צו אזא באגריפ ווי מארקסיזמ, האָט אויכ דאָ אָפט געגאָלטנ באמ פאשיזמ די מעמרע „jüdisch-marxistischer Geist" [2]), אלס צייכנ פונ אלדאָס מארקסיסטישע, קאָמוניסטישע, לעהייפעכ צו אלדאָס „ארישע", צו אלדאָס „גערמאנישע":

„Deutsches und jüdisches Schaffen" [3]).

„Die jüdische Phjsik eine Degenerierung der wahren arischen Phjsik darstelle" [4]).

האָט אפ דער וועלט שארפער ווי ווענ־עס־איז א זעצ געטאָנ מיטנ סאמ־האמאָוועס פונעמ „שטוס־סאָציאליזמ" [5]). ס'איז דאָכ דאָס אלטע אפ דורכ אונ דורכ פארזשאווערטע געווער פונ דער שווארצסטער רעאקציע אפ אָפצוציִענ סייַ פונ דעמ, וואָס איז ווירקלעכ פארבונדנ מיט עקספלואטאציע, סייַ אויכ פונ

---

1) מארקסיזמ איז דאָס זעלבע, וואָס יידנטומ.

2) יידיש־מארקסיסטישער גייסט.

3) דייטשישע אונ יידישע שאפונג.

4) די יידישע פיזיק איז די דעגענעראציע פונ דער עכט־ארישער פיזיק (פונעמ פאָרוואָרט צומ ווערק „Die deutsche Phjsik", ווו דער ערשטער אָפשניט הייסט, אגעוו, „די ארישע מעכאניק").

5) „Sozialismus der Dummköpfe" (סאָציאליזמ פונ שויטימ, פונ נארישע קעפ). אזוי האָט ליבקנעכט בעשאטוי אָנגערופנ די קריסטלעכ־סאָציאליסטישע אונ אינדערעמעסנ אנטי־סעמיטישע באוועגונג פונ די 80־קער יאָרנ. בעבעל האָט עס דערנאָכ איבערגעכאזערט אלס כאראקטעריסטיק פונעמ אנטיסעמיטיזמ ביקלאל.

דעם, וואָס ס׳איז בעעמעס פארבונדן מיט פּאָרשריט, מיט א נייַער וועלט. באַם פאשיזם האָבן זיך די לאנג שוין פאריפעשטע רינשטאָקן פון אנטיסעמיטיזם גאָר באזונדערס צעצוויטעט מיט די געפערלעכסטע ווילדגראָזן אפ צו פאר־פעסטען אלץ, וואָס נאָר מענטשלעך איז.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פונעם שווינדל מיט „יודנטום", „יידיש", אויסגע־לאָזט האָט זיך עס מיטן סאדיסטישן טירעף, אז די „נייַע אָרדענונג" וועט זייַן בעעמעס אזא בלויז „אָן יידן", אָפּגערייניקט פון יידן — „יודענריין". און די וועלט איז ביז אירע גרונטפעסטן אופגעציטערט געוואָרן, צוקוקנדיק, ווי אזוי א פאָלק האָט גענומען אָפּגיין מיט זייַנע לעצטע בלוטן אין די נעגל פונעם פאשיזם.

## II. דאָס הארץ פון אלטן וואָלף

אן אלטגערמאנישע געשיכטע דערציילט פון קינדער, וואָס מע פלעג זיי קאָרמענען מיט הארץ פון אן אלטן וואָלף, זיי זאָלן ווערן וואָס וועלפישער בעטעווע.

די דאָזיקע געשיכטע קומט אפן געדאנק באַם נאָכשפּירן די „בעסטיאַלע" באצייכענונגען פונעם סוינע, ווי ניט בלאָס ס׳איז אָט דער אלטגערמא־נישער סימוואָל וועגן „וואָלף" אין פארגלייַך מיטן הייַנטצייַטיקן — „אדאָלף". דער וואָלף גופא האָט געמוזט דערופ „א דריי געבן מיט דער נאָז":

...רופט זיך אָן איינער: — איך בין א וואָלף.
ענטפערט דער צווייטער: — און איך בין אדאָלף.
...רופט זיך אָן איינער: — איך עס שאָף און רינדער.
ענטפערט דער צווייטער: — און איך קלײנע קינדער.
דער וואָלף האָט געגעבן א דריי מיט דער נאָז
און איז זיך אוועק... איך ווייס ניט פארוואָס [1].

גאנצע בונטע איז געווען די „בעסטיאַלע" נאָמענקלאטור פונעם פייַנט — מענטשנ־ארטיקע, אמפיביעס, רעפטיליעס — און וואָס ניט! אָט איז א שטיקל קורץ־גע־פאסטע רעשימע, גענומען פון דער צייַטונג און פון דער ליטעראטור:

כייַע, כייַע־ראָע, ווילדע כייַע, רויב־כייַע, בלוטדאָרשטיקע כייַע, צוויי־פיסיקע כייַע, צווייפיסיקע... הונט, וואָלף, שאקאל, היענע, מאלפע... שפּארבער, ראָב... שלאנג, יאשטשער, ווערעם... היישעריק, וואנץ, לויז, אומפלייט...

אן אָנגאנג האָבן דאָ באקומען א ריי באשטימטע כאראקטעריזיר־ווערטער באַם קאָנקרעטיזירן די פאָרשטעלונג וועגן דער פאשיסטישער כייַע־ראָע:

---

1) ב. גוטיאנסקי. א באגעגעניש.

היטלער־הינט, וועלפישע הערדע, פילקעפעדיקע מאלפע, שלאנגענ־נעסט, שלאנגענ־קרייץ, רייננבלוטיקע לויז, פאנ־וואנצ...[1]

„פאנ־וואנצ", אגעוו, איז א פאר־ וועגנ א וואנצ, געבוירנ אינ אנ „עכט־דייטשישער שטוב", וואס האט זיכ אנגעזויגנ מיט „ריינאריש בלוט" אונ האט דעריבער געפאדערט פאר זיכ דעמ טיטל „פאנ":

...פונ דעמלט אנ
איז צווישנ וואנצנ דא א גרויסע מאסע,
וואס געהערנ צו דער דייטשישער ראסע"...

דער דאזיקער בעסטיאלער טעמע זיינענ געווענ געווידמעט אויכ אנדערע יידישע פאבלענ מיט גאנצ אנגעמאסטענע „זאאלאגישע" מאסקעס דערצו.

דאס בילד פונ דעמ פאשיסטישנ טירגארטנ פלעגנ דערגאנצנ אויכ גע־וויסע קאלירנ:

ברוינע בעסטיע, ברוינע שלענג, בלוטיק־ברוינע פעל... בלאנדע בעס־טיע, געפאנצערט־בלאנדע אומפלייט... גרינע פרעש, גרינער יאשטשער...

אינעמ יידישנ קינסטלערישנ ווארט האבנ געגאלטנ נאכ אנדערע אזוינע אטריבוטנ. ספעציעל דער אטריבוט ב ר ו י נ, וואס באצייכנט דעמ באליבטנ פאשיסטישנ קאליר, איז דא געווענ היפש פארשפרייט:

ברוינער גיפט, ברוינער מיפ, ברוינער כוישעכ, בלוטיק־ברוינע פעסט, ברוינער סדאמ אאוו.

די בעסטיאלע כאראקטעריסטיק איז צומאל געווענ איינגעפאסט אינ א פאלקסטימלעכ־סטיליזירטער ראמ. פונ אזא ראמ האט נאכ אנטבלויזטער ארויס־געקוקט די ווילדע, די כייעשע „פארצערע" פונעמ סוינע. אונ אויסגעשיילט האבנ זיכ דערביי געוויסע שארפע אסאציאציעס אונ קעגנשטעלונגעג.

איז געפלויגנ די ברוינע בעסטיע
איבער אלע מעדינעס,
אונ אומעטומ האט זי געזייט
האס אונ גיפטיקע סינע.
ניט אזוי די ברוינע בעסטיע,
ווי איר רייעכ אונ אוועד.
מיט ציינ געפרעסטע
דיינ שווערד פארמעסט איצט,
צעהאק זי, טייערער כאווער![2]

---

1) מ. גערשענזאנ. פאנ־וואנצ. זאמל. „היימלאנד".
2) ל. וואלפ. איז געפלויגנ די ברוינע בעסטיע.

דער הארציק־פארבענקטער טאָן און דער צארטער כיין פון דער פאָלקס־לירישער „גילדענע פאווע" („איז געפלויגן די גילדענע פאווע") און „פונעם שייבעם פייגעלע" מיט זיין „שיינ פליענ" („איך גיי ארויס אפן גאנעקל") שפילן דאָ מיט שארפן און מיט בייסיקן קאָנטראסט צו דער ברוינער בעסטיע מיט איר גיפטיקער סינע, מיט איר רייעך און אווער, ווי אויך מיטן ציינקריצערישן דופ צו צעהאקן די בעסטיע.

אינעם זעלביקן גייסט האָט אויך געגאָלטן דער פאָלקס־לירישער טאָן באַם סאטירישן קעגנשטעלן וואָרט און וואָרט־טיילן מיט קלאנגלעכער ענלעכקייט באַ געדאנקלעכער פארשיידנקייט.

אמאָל איז געווען א מיילעך,
דער מיילעך האָט געהאט א מאלפע,
די מאלפע האָט געהאט א שוויינגאָרטן,
ליולינקע, מיין קינד!
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
ס'דערוואַרט אים אזא מאפּאָלע,
ווי איז אים און ווינד! [1]

פונעם סאטירישן קעגנשטעלן „מאלקע" מיט „מאלפע", „וויינגאָרטן" מיט „שוויינגאָרטן" איז שארפער און אנטבלויזטער ארויס די „מאלפישקייט" און די „שוויינישקייט" פונעם „מערדער דעם מיילעך".

צו אָט דער דערשיינונג פון סאטירישער וואָרט־פארענלעכונג, אָדער, ווי מע האָט עס געהאט אָנגערופן, „פאָעטישע עטימאָלאָגיע", איז נאָענט געווען די געוויינלעכע וואָרטשפּיל מיט סאטירישן עפעקט. די קאָמישע וואָרטשפּיל מאכט בוילעטער, אנטבלויזטער א געוויסע דערשיינונג, צו וועלכער מע וויל באזונדערס צוציען די אופמערקזאמקייט. אזא וואָרטשפּיל איז אן אויסגעפרוווט מיטל אין דער ליטעראטור, ספּעציעל אין די סאטיריש־הומאָריסטישע זשאנרען. ס'איז דאָ געגוג צו דערמאָנען בלויז שאָלעם־אליכעמען, באַ וועמען די וואָרטשפּיל ווערט צומאָל דערהויבן צו א סיוזשעטיש גרונט־מיטל באַם שילדערן די הארבע סאָציאלע קאָליזיעס פון די קאסרילעווקער (אין אזוינע „אייזנבאן־געשיכטעס", אשטייגער, ווי „צוגענומענע", „דער ליידיקגייער" אאַ.).

מילכאָמע־צייט איז די וואָרטשפּיל צונוץ געקומען באַ דער סאטירישער כאראקטעריסטיק פונעם סוינע. אשטייגער:

— אוועקגעשוווּמען גאָך א שטאָט...
א שאָד, א שאָד...

---

1) ל. וואָלפ. אמאָל איז געווענא מיילעך.

— צו אלדי רוכעס גיי! בענטש גוימל, נאר...
מיר מעגנ דאנקענ גאָט דערפאר,
וואָס אָנ א קעסל,
וואָס אָנ א „קריכ אינ זאק" אונ „זיצ אינ פעסל" [1].

אפ דער „קעסל"־טעמע איז געווענ צו טרעפנ נאָכ אנדערע פאלנ פונ וואָרטשפיל.

די מאלפּע מיטנ הויקער
איז א באוווסטער פויקער.
פויקנ פלעג זי טאָג ווי נאכט
וועגנ פיורערס „גייסט" אונ „מאכט".
דער פויקער איז פארשמיסנ,
דער קעסל־פויק צעריסנ,
שטעקט מענ איצטער אינ א העק —
אינ א... קעסל אָנ א דעק... [2]

די דאָזיקע סאטירישע עפּיגראמ איז געגעבנ געוואָרנ מיט דער געהעריקער איליוסטראציע פונ דעמ מאלפּישנ פויקער (העבעלס) אונ פונ זיינ „צעריסענעמ קעסל־פויק". די „צעריסנקייט" פונעמ עצעמ וואָרט („קעסל", „פויק") האָט שארפער געמאכט סיי די שפּיל מיטנ וואָרט „קעסל", סיי די סאטירישע קעגנשטעלונג פונ דער „פויקעריי" צו דעמ פאקטישנ אויסגאָס פונ „קעסלענ" אפנ קאָפּ פונ דער מאָרד־אונ רויב־ארמיי [3].

אינ אנ אנדער סאטירע — „אָפּגע־קאָכ־ט" — ווערט אָנגעווענדעט די וואָרטשפּיל מיט דעמ פאמיליע־נאָמענ „קאָכ", היטלערס אמאָליקנ באפולמעכטיקטנ אפ דער צייטווייליק אָקופּירטער אוקראינע: „קאָכנ זיכ די קאָכ־באצילנ", „נו האָט זיכ פאר־קאָכ־ט א קאשע", „מ'עט שוינ זאָגנ אָפּגעהיטלערט, ווי מע זאָגט איצט: „אָפּגע־קאָכ־ט"... [4]

דאָס שפּאסיקע שפּילוואָרט פלעג מאכנ כויזעק פונעמ סוינע, אונ ס'פלעג

---

1) ב. גוטיאנסקי. א קליינער הע ה.

2) בענ שאָלעמ. „אייניקייט", נומ. 9, 1945.

3) זע אויכ ז. וועגדראָפּס קליינעמ פעליעטאָנ „דער לעצטער קעסל" (וועגנ דער שטארק געשטיגענער „פּראָדוקציע" פונ „מאכנ קעסלענ" פאר די דייטשנ אונ וועגנ „מאָנטאזש פונעמ לעצטנ קעסל" אפ צו „קאָכנ אונ פרעגלענ דאָס גאנצע היטלערישע דייטשלאנד"), „אייניקייט", נ. 13, 1945.

4) בענ שאָלעמ. „אָפּגע־קאָכ־ט" „אייניקייט", נומ. 10, 1944.

ארויסרופן א צופרידענעם שמייכל און א געלעכטער אין טעג אזוינע, וואָס זײַנען געווען פול ווי דער יאם מיט אומענדלעכן טראגיזם.

באַם כאראקטעריזירן דעם סוינע האָבן געגאָלטן פארשיידענע אויסדרוק־מיטלען. באַזונדערס פארשפרייט איז דאָך געווען די בעסטיאַלע כאראקטעריסטיק. די דאָזיקע כאראקטעריסטיק איז באַזונדערס אָנגעמאָסטן פארן סוינע, וואָס האָט נאָך אין זײַן באַרבאַרישן אמאָל געהאט געבוירן גרויליקע געשיכטעס פון קינדער, געשטאָפּטע מיט הארץ פון אן אלטן וואָלף, אפ אופצוציִען זיי וואָס וועלפישער, וואָס כײַישער, וואָס בלוטגיריקער.

---

# דאָס וואָרט פון וויי און מוט

אינעם ייִדישן קינסטלערישן וואָרט מילכאָמע־צײַט איז „וויי", „ווינד און וויי"—פון די באַזונדערס אָפטע ווערטער. מע וואָלט דאָ אפילע געקענט אײַנפירן א ספּעציעלע רובריק—וויי וואָרט. צווישן די קלאסיפיקאציעס און באצייכענונגען פונעם געהעריקן וואָרטשטאָפ וואָלט אזא רובריק געקלונגען גענוג אויסטערליש. אָבער וואָס פאר א באצייכענונג וואָלט דען ביקלאל געקענט זײַן פיל־ווייניק אָנגעמאָסטן פאר דעם גרויליקן וואָרטשטאָף, וואָס שפּיגלט אָפּ די פאָלקס־טראגעדיע צווישן טראגעדיעס אין יענע טעג?

דאָס אָפטע וויי וואָרט, קומט אָבער אין די טעג פון מילכאָמע ניט אליין פאר זיך, נאָר באהעפט און צונויפגעגאָסן מיטן וואָרט פון קרעפטיקונג און מוט, מיטן שלאכטיק־העראָישן וואָרט, וואָס „עס גליט פון וויי, עס בליט פון מוט"[1].

טאָג־אײַן, טאָג־אויס האָבן זיך איבער די בלוטיקע בלעטער פון דעם מילכאָמע־פינקעס אומגעטראָגן די פײַנלעכסטע און די שענדלעכסטע געשפּענסט־ווערטער:

אקציע („יודענאקציאָן"), דעפּאָרטיר־אקציע, ליקווידיר־אקציע, שכיטע־פעלד, מאסן־שכיטע, שכיטע־יארן (באבי, טולאווער...), טויט־גריבער, טויט־לאגער, טויט־פאבריק... טראנסניסטריע, מײַדאנעק, טרעמבלינקע, אָשווענטשים... איין ייִד, אן איינציקער ייִד, א לעצטער ייִד:

„... מע זאָגט, אז נאָך דער מאסעווער צעשיסונג איז דאָ געבליבן איין ייִד... מיר גייען זוכן דעם איינציקן ייִדן. מיר האָבן געזוכט, מיר האָבן ניט געפונען... די אײַנוווינער באהויפּטן, אז ערגעץ אין א נאָענטן וואלד בלאָנקעט אום דער לעצטער ייִד..."[2].

דאָס איז געווען אן אָפטע און כאראקטעריסטישע שטעל פון דער טאָג־כראָניק, אָט ווי כאראקטעריסטיש און אָפט ס'איז דאָ געוואָרן דער אויסדרוק „שיירים־האפליטע" (פון דער גרויסער ווילנער, לוואָווער... קעהילע) בא־

1) ד. האָפשטיין. ווען ס'קריצן ציינער צונויפגעפרעסטע.

2) ע. קאהאן. די באגעגעניש באם דניעפּער. „אייניקייט", נומ. 10, 1944.

נאנד מיט די אנדערע ענלעכע אויסדרוקן: „א רעשטל פון יידן — א טרייסט און א כידעש״ [1]) אדג.

די בלוטיקע כראָניק איז אָפּט אופגעוויקלט געוואָרן אונטערן נאָמען — מעגילע: מעגילעס־וויטעבסק, מעגילעס־לוואָוו... מעגילע איז דאָ געוואָרן אמינ ווי־איבערופּ צווישן די טראגישע פּעריאָדן אין דער געשיכטע פון פאָלק אמאָל און אין די היינטיקע מילכאָמע־טעג.

געשיכטע האָט א טעווע זיך איבערצוכאזערן אפ נייע יעסוידעס. און אפ א „נייעם״ נאָך ניט געזעענעם בלוטיקן עטאפּ האָט זיך איבערגעכאזערט א טראגיש שטיק יידישע געשיכטע, געבונדן מיטן „נייעם״ שענדלעכן פּאס געשיכטע פון א געוויס אנדער פאָלק.

...און זע איך דיין האָקנקרייץ איצט מיט די פינצטערע שלייפן,
און העלדזער פון ליכטיקע מיידלעך די שלייפן פארציִען, —
דערמאָן איך די קרייצטרעגער דיינע, און היימען אין סרייפעס,
און גלייביקע יידעס געהאנגען מיט הינט אפ איין טליִע,
און אָטעם דערשטיקטן אין פריש־אָנגעשאָטענע קוואָרים
אפ מאמעס און קינדער אין קערטשער און קיִעווער טאָלן,
און קדוישים, געשאָכטן אין שפייער, אין מיינץ און אין וואָרמס,
איצט וויל איך ניט מויכל זיין גאָרניט, — כ׳וויל מאָנען און צאָלן!.. [2])

ווי אין אנדערע מיט בלוט געשריבענע שורעס, איז אויך דאָ אויסגעדריקט געוואָרן די געשיכטלעכע שייכעס פון די אמאָליקע קרייצטרעגער מיט די היינטיקע האָקנקרייצלער. קרייץ ציט זיך דאָ ווי אמינ בלוט־סימוואָל, וואָס פארקערפּערט די לאנגאָניקע, ווי די היינטמאָדישע „פינצטערע שלייפן״ אפ די העלדזער פון די „ליכטיקע מיידלעך״. „מיט הינט אפ איין טליִע״ — די דאָזיקע פאָרשטעלונג ציט זיך אויך נאָך — פאר די היינטיקע טעג:

...מע ווארגט אונדזער פאָלק אין די הינטישע גריבער...
מע שטיקט אונדזער וועלט אין די הינטישע יארן... [3])

אפן יידישן בייסוילעם
ווייט א הארבער ווינט,
ס׳וואלגערן זיך יידן,
אזוי ווי די הינט [4]).

---

1) בינעמ העלער. א בריוו פון פדייסן.
2) ל. רעזניק. מאָנען און צאָלן.
3) ע. פינינבערג. איינציקע־איינע.
4) פון א „טראנסניסטרישער״ פאָלקסליד.

אין די טעג פון מילכאָמע זיַינען אָנגעווענדעט געוואָרן פארשיידענע אנדערע גרויליקע ווערטער און וואָרט־בילדער, וואָס האָבן געוועקט מעשונע־מאָדנע בלוט־אסאָציאַציעס פון „אמאָל און היַינט". אייניקע פון זיי ווערן באזונדערס אָפּט געברויכט און וואריִירט.

## ג ע ט אָ.

פון דער טיפּ פון מיטלאַלטער קומט דאָס וואָרט, צוערשט זאָל „געטאָ" פיקסירט זיַין נאָך בא סאמע אָנהייב 14 יאָרה. (1306).

די וויסנשאפטלעכע ליטעראטור האָט זיך היפּש פארנומענ מיט זוכנ דעם אָפּשטאם פון וואָרט „געטאָ". מע האָט עס געזוכט אינעם העברייִשנ גט — צעשיידונג. ס'איז געווענ אנ אָנגעצויגענע סוואָרע, כאָטש עס כאזערנ דאָס איבער אייניקע ערנסטע איטאליעניש־דיַיטשישע און דיַיטשיש־ענגלישע לעקסיקאָגראפישע אויסגאבעס. מע האָט גענומענ זוכנ דעם אָפּשטאם פונעם וואָרט אינ איטאליעניש סיַי לויט געוויסע עטימאָלאָגישע האשאָרעס (איַינזעענדיק דערינ די קירצונג פון borghetto — יִשעוול, שטעטל), סיַי לויט נאָמענטלעכער אסאָציַאציע מיטנ gietto, דער איַיזנגיסעריַי אינ ווענעציע, ווו ס'איז צוערשט אופגעקומענ דער יִדנ־קווארטאל (1516). דאָס צווייטע איז דערוויַיל געבליבנ אנ אָנגענומענע האשאָרע [1]. י. יאָפּע פרעגט עס דאָך אָפּ און זוכט דעמ אָפּשטאמ פונעמ וואָרט אינ מיטלהויכדיַיטש, אינ אלטיִדיש, אלס וואריַאנט פונ Gehege, Gehecke — אָפּצאמונג, אָפּשיידונג, וואָס געבראכט זאָלנ עס האָבנ קיינ איטאליע די אשקענאזישע יִדנ [2]. יאָפּעס האשאָרע ווערט אָפּגעפרעגט [3].

ס'גילטנ נאָך אנדערע האשאָרעס מעקויעכ דעט אָפּשטאמ פונעמ וואָרט „געטאָ".

אזוי גייט אָנ א לאנגאָניקע זוכעניש פונ דעמ אורטיַיטש פונ א שוידער־וואָרט איבער לענדער, פעלקער און זייערע שפּראכנ, און נאָך אדיַיעמ האָט עס קיינ ענדגילטיקנ באשייד ניט געקראָגנ, ווי די וועלט האָט נאָך קיינ לייזונג ניט געקענט ברענגענ פאר דער עצעמ לאנגאָניקער טראגעדיע פונ געטאָ, וואָס האָט זיך געקענט פארציִענ ביז צו אונדזערע בלוטיקע טעג און נאָך

---

1) ווערט געבויאכט אינ דער „דזשויִש ענסיקלאָפּעדיע" (5, 653), אינ דער רוסיש־יִדישער ענציקלאָפּעדיע (6, 449), שפּעטער אויכ אינ דער גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע (16, 580). ס'ווערט דאָ, אייגנטלעכ, איבערגעכאזערט א האנאָכע, וואָס ס'האָבנ זי ארויסגעבראכט פארשיידענע עלטערע פאָרשער (דע־לא־טאררע, שטערנ אא.).

2) יודא יאָפּע. פונוואנענ שטאמט דאָס וואָרט געטאָ? לאנדוי־בוכ, ווילנע 1926. זע אויכ דערצו דר. י. ווילער:... „צו: פונוואנענ שטאמט דאָס וואָרט „געטאָ", „פילאָלאָגישע שריפטנ", 2, ווילנע 1928.

3) דער ראָמאניסט ל. שפּיצער שטיצט די אויבנגעבראכטע האנאָכע וועגנ דעמ איטאליענישנ (ווענעציַאנישנ) אָפּשטאמ פונעמ וואָרט, זע „פילאָלאָגישע שריפטנ", 2, ווילנע 1928.

אומגעהייער אריבערשטײַגנ די פינצטערסטע צײַט פונעם אמאָליקנ מיטל־אלטער.

געטאָ איז „ארומגעוואקסנ" געוואָרנ מיט היפש באצייכענונגענ און אויס־דרוקנ אינ דער מילכאָמע־כראָניק, אינ די פינקאָסימ און אינ די ווערק פונ געטאָ, געשריבנ פונ די אומגעקומענע און פונ די פארבליבענע לעבעדיקע אײדעס:

געטאָ־ייִד, געטאָ־װוענט, געטאָ־צוים, געטאָ־שלעסער,. געטאָ־קייטנ, געטאָ־טעג, (ייִדישע) געטאָ־מיליציע, געטאָ־וואכ, גרויסע געטאָ, קליינע געטאָ, געטאָ בעסויכ געטאָ, געטאָ־קדוישימ, געטאָ־יעדיִעס [1], געטאָ־שול, געטאָ־פאָרלעזונג, געטאָ־טעאטער, געטאָ־נינג, געטאָ־ליד, געטאָ־ארכיוו, געטאָ־שאפונג [2], געטאָ־טרערנ... [3]).

ארומ דער געטאָ האָט אפילע געקענט אָנגיינ א געוויסע גאל־ביטערע װואָרטשפּיל:

„אויב מע פלעג כאפנ א ייִדנ אויסער דער געטאָ, ריידנדיק מיט א רוס, מיט א ווײַסרוס, פלעג מענ ביידנ דערשיסנ אפנ אָרט. ניט אומ־זיסט האָבנ די מינסקער ייִדנ, ווי נאָר מע האָט זיי פארשפארט אינ געטאָ, געטײַטשט דאָס װוּאָרט געטאָ אזוי:

— מע וויל אונז געטנ מיט דער ארומיקער באפעלקערונג" [4]).

אינ געטאָ האָט אויכ געקענט אופקומענ א מינ אויסטערלישער קינדער־שער נאָמענ:

„די דײַטשישע קילערס האָבנ צוגענומענ אלע ייִדישע קינדער פונ געטאָ און זיי דערהארגעט. געראטעוועט האָט זיכ בלויז א קליינע צאָל ייִדישע קינדער, צווישנ זיי אויכ די צוויייאָריקע געטעלע, וואָס איז געבוירנ געוואָרנ אינ געטאָ, און דער פאָטער האָט איר אלס אָנדענק א נאָמענ געגעבנ — געטעלע [5]).

קיינ שומ נאָמענ־צעטל אינ דער וועלט האָט נאָכ, דוכט זיכ, אזוינס ניט פארצייכנט, און א בייזוונדער וועט עס אויכ זײַנ פאר אזא ספעציִעלנ

---

1) װעכנטלעכע אויסגאבע אינ ווילנער געטאָ.

2) זע מ. יעלינ. געטאָ־שאפונגענ פונעמ מאָלער יאקאָוו ליפשיצ. „אייניקייט", נומ. 7, 1946 (די גרויסע צאָל פארגראָבענע געמעלנ ליפשיצעס, געשאפנ אינ געטאָ, האָט מענ דערנאָכ אופגעזוכט.

3) אזוי באצייכנט אירע לידער, געשריבנ אינ געטאָ, די דיכטערנ קוויאטקאָווסקע. ה. אָרלאנד. די באפרייטע. „אייניקייט", 9 אָקט. 1945.

4) ל. קאצאָוויטש. באגעגענישנ אינ מינסק. „אייניקייט", 42, 1944.

5) די אלטע לערערנ. „אייניקייט", 36, 1944.

שפּראַכוויסנשאַפטלעכן געביט, ווי האָנאָמאַסטיק, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דערלערנען אייגננעמען. און צווישן די אַנדערע ווייוועריטער, דאַרף אויך אייגננעמען [1], וועט צוקומען נאָך איינער א פיינפולער וואָרטלעכער זייכער לעכורבן, וואָס אויך אונדזער געשיכטע האָט נאָך אַזוינס ניט געזען.

באַזונדער אָבער מיט פּיין און מיט וויי וועט אויך די געטאָ פון יענע טעג אַלעמאָל אופשיינען פאַר אונדז מיט מוט און מיט גוורע, וואָס איז פאַרייביקט אויך אינעם העראָישן געטאָ־וואָרט:

געטאָ־אופשטאַנד, געטאָ־פּאָן [2], געטאָ־רוף [3], ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ, פפאָ [4], געטאָ־אונטערערד, געטאָ־אופשטענדלער, געטאָ־קעמפער, געטאָ־פאַרטיזאַנער, געטאָ־העלדן...

און ס'ווערן שוין געבוירן נייע העראָישע כראָניקעס און ליבטיקע געזאַנגען וועגן געטאָגראַד [5] און וועגן די נעקאָמענעמער פון געטאָ [6].

לאַטע.

פּאָשעט אַזוי — לאַטע. אָפטערס — געלע לאַטע. אויך — שאַנד־לאַטע.

עס טליִען אין שטעט דיינע, דייטשלאַנד, פאַרצייטיקע שפּורן
פון בלוטיקן בילבל, פון שאַנד־לאַטעס, שייטערס, פּאָגראָמען... [7]

און ביטער פאַראַכטלעך — געלע שמאַטע:

דער כאַלעפ שעכט.
און מיליאָנען שפּאַנען
מיטן געלן שמאַטקעלע פון קנעכט [8].

---

1) אשטייגער — „איזראַעל", „סאַראַ". אין די צייטווייליק אָקופּירטע געגנטן האָבן די היטלערראָוצעס צוגעגעבן אַזוינע נעמען אין די יִדישע פּעסער, און די פּעסער גופע נאָך דורכגעשטעמפּלט מיט א גרויסן בלוטיקן — J.

2) „... די פּאָן פון דער געטאָ אין פייערן פלאַטערט...", (אי. פעפער. שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ).

3) „...פון אַלע ווענט זאָל וועקן אונדזער רוף — די דריי געציילטע ווערטער: „מיט קאָווער שטאַרבן!" (ש. האַלקין. געטאָגראַד).

4) „פאַראייניקטע פאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע" (אין ווילנער געטאָ) מיט איר הימן וועגן „פּאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט", וואָס האָט „געזונגען מיט נאַהאַנעס אין די הענט" (פאַרפאַסט פונעם העלדיש אומגעקומענעם דיכטער הירש גליק. זע: א. סוצקעווער. ווילנער געטאָ).

5) אַזוי הייסט ש. האַלקינס נייע דראַמאַטישע פּאָעמע. גופע דאָס וואָרט געטאָגראַד קומט פון וואַרשעווער געטאָ, ווו די העלדישע אופשטענדלער האָבן זיך געגלייכט אַף דעם קאַמף פון דער רויטער אַרמיי בא סטאַלינגראַד.

6) אַזוי הייסט ה. סמאָליאַרס בוך.

7) ל. רעזניק. מאָגנען און צאָלן.

8) ע. פינינבערג. צו א פריינט.

אויך נאָך אנדערש ווערט גערופן דער דאָזיקער שאנד־צייכן, וואָס קומט אויך פון דער טיף פון מיטלאַלטער און איז פארבונדן ׳טאקע מיט — ג ע ט אָ.

אין יענע טעג איז ג ע ל ע ל אַ ט ע ביקלאַל געוואָרן א מין אויסטערליש שאנד־בילד פארן אויסקום און אומקום אונטערן פאשיזם:

איך קריך ארויס צו זען דעם פרילינג
מיט מײַנע געל־געלאַטעוועטע לונגען...[1]

ג ע ל ־ ג ע ל אַ ט ע ו ו ע ט — אזוינס, אזא וואָרט־בילד האָט געקענט אופקומען נאָר אין די געטאָ־טעג, ווען דער פאשיזם האָט זיך געריסן „דער גאנצער וועלט די געלע לאַטע אָנטאָן" [2].

איז ניט בלויז פאר אונדז, נאָר פאר דער גאָרער וועלט וועט שוין אזוי ג ע ל ע ל אַ ט ע אפ אייביק פארבלײַבן אזא שוידערלעכסטער וואָרט־סימוואָל אפ וויסטסטן אָנדענק פון יענע צײַטן און פון יענע אלע, וואָס

...טראָגן אין הארצן דעם שאנד־פלעק דעם געלן,
וואָס אנדערע מוזן אפ ארבל אים קלעפן...[3].

ס'איז פאראן נאָך א וואָרט, וואָס אין פארשיידענע געשטאלטן האָט עס געהאט גאָר א באזונדערן אָנגאנג יענע טעג, —

בלוט:

בלוטיקער הײַנט, בלוטיקע הענט (וועגן פײַנט), פארבלוטיקטע ערד, בלוטנדיקע ערד, בלוטיקע אומע [4], בלוטן —

שטעל א גאָלדן קריגעלע אנידער —
ווידער בלוטן מײַנע וווּנדן־לידער...[5]

דאָס קאָל פון בלוט [6], דאָס בלוט שרײַט, דאָס בלוט רופט...

ניט איין „גאָלדן קריגעלע" און ניט איין „שוין פיל מאָל באוויינטער, באזונגענער לאָגל" [7]) וואָלט איבער די ברעגעס געקאָנט אָנפילן די שעפע בלוט־ווערטער פון יענע טעג, ווען צום שארפסטן אויסדרוק זײַנען געקומען אויך די בלוט־ווערטער פון די גאָר אמאָליקע יאָרן.

---

1) א סוצקעווער. די לערערן מירע. געשריבן אין ווילנער געטאָ.
2) פ. מארקיש. קיין טראָט צוריק. (זאמל. „היימלאנד").
3) ד. האָפשטיין. וויי.
4) זע: ע. פינינבערג. צו א פריינט.
5) י. קערלער. ווידער.
6) קעפל פון ל. קוויטקאָס א ליד.
7) ד. האָפשטיין. 1941 י.

אין דער יידישער מילכאָמע־דיכטונג איז פּאָעטיזירט געוואָרן דער ביב־
ישער סימוואָלישער אויסדרוק — בדמיך חיי" [1].

מײַן פאָלק, מײַן יידיש פאָלק... דו האָסט דאָך מיר דעם גלי,
די פּײַן, די שײַן, דעם טיפן מוט געגעבן.
„בדמיך חיי!", „בדמיך חיי!"
„אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן... אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן..." [2]
...ביסט אינגאנצן אין בלוט.
דײַן מויעך ער לעבט! אָ, ער לעבט!
און דורך פּײַן און דורך פּלאָג
איז, ווי שטענדיק, אין שאפן, אין גלוט...
ביסט אינגאנצן אין בלוט...
דײַן קויעך ער לעבט! אָ, ער לעבט!
דײַן הארץ דאָרטן אינוויייניק שלאָגט...
און איז פול נאָך מיט דרייסט און מיט מוט... [3]

אזא אינטים־טרייסטפולע ווענדונג צום פאָלק איז מילכאָמע־צײַט געוואָרן
אן אָפּטע דערשײַנונג. כאראקטעריסטיש זײַנען אין די אויבנגעבראכטע דיכטע־
רישע שורעס די שארפע עמאָציאָנעלע איבערגאנגען — פּ ײַ נ און ש ײַ נ, פּ ל אָ ג
און ג ל י ־ג ל ו ט, ב ל ו ט און מ ו ט בא דער דאָמינירונג פונעם גלויביקן דער־
הויבענעם לעבנסוואָרט: „זאָלסטו לעבן, זאָלסטו לעבן", „ער לעבט, אָ ער
לעבט"... מיט אָט דעם לעבנסליבנדיקן און לעבנסבאשטעטיקנדיקן וואָרט איז
אפּ אייביק געריימט און געבענטשט די העראָיִשע געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

---

1) יחזקאל טז: ואעבור עלידך אראך מתבוססת בדמיך ואמר לך: בדמיך חיי! ו אמר לך: בדמיך חיי
און איך בין דורכגעגאנגען פארביי דיר און איך האָב דערזען דיך זיך וואלגערן אין דיינע בלוטן,
און געזאָגט האָב איך צו דיר: אין דיינע בלוטן: לעב! און געזאָגט האָב איך צו דיר: אין דיינע
בלוטן: לעב!

2) ע. פינינבערג. מיין באריכט.

3) ד. האָפשטיין. איך זע.

Очерки „Язык в дни Отечественной войны“ являются первым опытом систематизации и изучения ряда основных явлений, характерных для еврейского языка (в соответствии с другими языками народов Союза) в дни Отечественной войны. Очерки касаются вопросов лексики, словообразования, фразеологии, стиля.

Словесный материал сгруппирован вокруг ряда основных общих тем, объединяющих различные конкретные языковые явления: слово о родине, боевое и героическое слово, батальная лексика и фразеология, сатирическое слово о враге и др.

---

Нариси „Мова в дні Вітчизняної війни“ є перша спроба систематизувати і вивчити ряд основних явищ, характерних для еврейської мови (відповідно до інших мов народів Союзу) в дні Вітчизняної війни. Нариси присвячені питанням лексики, словотвору, фразеології, стилю.

Словесний матеріал згрупований навколо ряду основних загальних тем, що об'єднують різні конкретні мовні явища: слово про батьківщину, бойове і героїчне слово, батальна лексика і фразеологія, сатиричне слово про ворога та ін.

## З М І С Т


Від автора . . . . . . . . . . . . . . . . . . 5
Слово і меч . . . . . . . . . . . . . . . . . . 7
Слово про батьківщину . . . . . . . . . . . 9

I. Поняття батьківщини і слово про батьківщину . 9
II. Синонімія про батьківщину . . . . . . . . 11
III. Єдина родина . . . . . . . . . . . . . . 14

Бойове слово . . . . . . . . . . . . . . . . . 17

I. Любов і зненависть . . . . . . . . . . . . 17
II. Помста . . . . . . . . . . . . . . . . . 19
III. Героїчне слово. 1. Героїчна синонімія. 2. Героїзація за допомогою старовинного слова та виразу 20

Баталізми . . . . . . . . . . . . . . . . . . 28

I. Багатство батального лексикону . . . . . . 28
II. Батальна спеціалізація значення слова . . . . 29
III. Фігуральні баталізми . . . . . . . . . . 30
IV. Батальний словотвір. 1. Боєць. 2. Озброєння. 3. Бойові дії. 4. Про унормування баталізмів . 35

Ворог . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 42

I. Криваве „язикоблуддя“. 1. Зловмисні етимології про „арійців“ і „неарійців“. 2. Расистське базікання . . . . . . . . . . . . . . . . . . 42
II. Серце старого вовка (сатиричне слово) . . . 49

Слово горя і мужності . . . . . . . . . . . 54

Язык в дни Отечественной войны
(на еврейском языке)

Ціна 6 крб.

Літредактор та коректор І. Штульман.    Техредактор С. Зіскіндер

БФ01531. Зам. 122. Тираж 4000 прим. Формат паперу 59×84 см. Друк. арк. 4. Здано до друкарні 10.II 1946 р. Підписано до друку 20.V 1946 р.

Друкарня АН УРСР, Київ, вул. Чудновського, 2.